בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

**אִידִישׁ**

**תשפ"ז**

**426**

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ קַשְׁיוֹת אוֹיף צַדִיקִים?........................................ א
אִיז גְרַאפָאלָאגְיֶע אַן אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע זַאךְ?........................................ ג
וִוי אַזוֹי גְרֵייט מֶען זִיךְ צוּם יוֹם טוֹב מִיט רוּאִיגְקֵייט?........................................ ד
וָואס טוּט מֶען מִיט קִינְדֶער וָואס דְרֵייעֶן אִיבֶּער?........................................ ו
מוּז מֶען נָאכְגֶעבְּן דִי וַוייבְּ'ס שְׁוֶוערֶע פַארְלַאנְגֶען?........................................ ט

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ........................................ א
מַאךְ הֲפָצָה........................................ ג
זָאג תְּהִלִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר מוֹחֵל זַיין........................................ ג
קָאנְצֶעטְרִיר זִיךְ נָאר צוּ הֶעלְפְן דַיין טַאטֶע........................................ ד
אַ גַאנְץ יָאר פְרֵיילִיךְ........................................ ה
סַיי גֵיין צוּ עֶלְטֶערְן, אוּן סַיי אַהֵיימְגֵיין........................................ ו
נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה דַארְפְן מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת........................................ ו
דִי יְשׁוּעָה קוּמְט אוֹיסְדְרִיקְלֶעךְ דוּרְכְ'ן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן........................................ ז
אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן אוּן אַזוֹי מְבֻלְבָּל........................................ ח
טְרוּקְן, טוּנְקְל, קַאלְט אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן........................................ ט
בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אִין חֵדֶר, אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ........................................ י

בַּיים הֶעלְפְן אַ צַדִיק דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט........................................ י

נִישְׁט גֶעבְּן דִי קְלֵיידֶער בְּחִנָּם........................................יא

אַלֶע הַתְחָלוֹת הַיינְט זֶענֶען פוּן פּוּרִים........................................יב

דִי הֵיילִיגֶע מִינוּטְן בַּיים מְגִילָה לֵיינֶען........................................יג

נִישְׁט טְרִינְקֶען דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פּוּרִים........................................יד

פּוּרִים קֶען מֶען פּוֹעֶל'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן........................................ טו

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז מְגִילָה לֵיינֶען........................................ טז

פּוּרִים, אַ צַייט זִיךְ אִיבֶּעְרצוּבֶּעטְן........................................ טז

אַ שִׁכּוֹר נֶעמְט אַרוּם אַ חָבֵר מִיט לִיבְּשַׁאפְט........................................יז

טְרִינְק אַפָּאר גְלֶעזְלֶעךְ וֵויין אוּן טַאנְץ אוּן שְׁפְּרִינְג........................................יח

אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן גֶעמִישְׁטֶע טְרִינְקֶען........................................יט

בַּיים טַאנְצְן זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּעְרשְׁטְן שְׁטִילֶעְרהֵייט........................................ כ

פְרֵיילִיכֶע פּוּרִים, מִיט אַן עֶרְלִיכֶע מוֹיל........................................כא

פּוּרִים מִיט קְדוּשָׁה וְטָהֳרָה........................................כב

רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן הָמָן אוּן פוּן עֲמָלֵק........................................כג

אִין דִי בַּאהֶעלְטֶענִישׁ, אִיז דָא דֶער אֵייבֶּעְרשְׁטֶער........................................כד

אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק........................................כה

עֲמָלֵק וִויל מִיךְ אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן צַדִיק........................................כו

אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק דֶעם שַׁבָּת........................................כז

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## פַארְוָואס הָאב אִיךְ קַשְׁיוֹת אוֹיף צַדִּיקִים?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי בְּרִיוְון, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ חִיזוּק פוּן דִי קוּנְטְרֵסִים עֲצָתוֹ אֱמוּנָה יֶעדֶע וָואךְ. אִיךְ בִּין נִישְׁט קֵיין בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר בִּכְלַל, אָבֶער אִיךְ בַּאקוּם אַסַאךְ חִיזוּק אִין אֱמוּנָה פוּן דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע בְּרִיוְון, אוּן דֶערִיבֶּער שְׁפִּיר אִיךְ אַז דָא אִיז דִי רִיכְטִיגֶע פְּלַאץ צוּ קוּמֶען בֶּעטְן חִיזוּק אוּן עֵצוֹת אוֹיף אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה.

אִיךְ שֶׁעם זִיךְ צוּ זָאגְן, וָואס קֶען אִיךְ אָבֶער טוּן אַז אִיךְ בִּין שְׁוַואךְ אִין אֱמוּנָה, אִיךְ בִּין שְׁוַואךְ אִין אֱמוּנַת צַדִּיקִים; וֶוען מַיינֶע קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, אָדֶער וֶוען אִיךְ אַלֵיין דֶערְצֵייל בַּיים שַׁבָּת טִישׁ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אָדֶער פוּן דִי פַּרְשָׁה, קוּמְט מִיר אַרוֹיף קַשְׁיוֹת אִין קָאפּ, אוּן אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי, עֶס צִיפְּט מִיר בַּיים הַארְץ מֶער פוּן אַלֶעס, מֶער פוּן פַּרְנָסָה, מֶער פוּן חוֹבוֹת, אִיךְ פִּיל וִוי אִיךְ פַארְלִיר מַיין לֶעבְּן; וִוי קוּמְט דָאס צוּ אַ חַסִידִי'שֶׁער אִינְגֶערְמַאן זָאל טְרַאכְטְן אַזוֹי אוֹיף צַדִּיקִים? אִיךְ שֶׁעם זִיךְ פוּן מִיר אַלֵיין, אִיךְ ווִיל אֲפִילוּ נִישְׁט זָאגְן דִי קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ אִין מַיין קָאפּ, וַוייל מֶען טָאר עֶס נִישְׁט אַרוֹיסְזָאגְן פוּן מוֹיל חַס וְשָׁלוֹם.

אֶפְשָׁר קֶען דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר הֶעלְפְן אוֹיסְגְרָאדְן מַיין מֹחַ, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִין דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דָאס וָואס דוּ הָאסְט קַשְׁיוֹת וְכוּ'; דֶער רֶבִּי רֶעדְט שׁוֹין פוּן דֶעם, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן נב): "מַה שֶּׁקָּשֶׁה קֻשְׁיוֹת עַל הַצַּדִּיקִים", דָאס וָואס עֶס אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוֹיף צַדִיקִים, "זֶהוּ מֻכְרָח לִהְיוֹת", אַזוֹי מוּז זַיין, "כִּי הַצַּדִּיקִים מִתְדַּמִּים לְיוֹצְרָם כַּמּוּבָא", וַוייל דִי צַדִיקִים זֶענֶען צוּגֶעגְלִיכְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּכְמוֹ שֶׁקָּשֶׁה קֻשְׁיוֹת עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", אוּן אַזוֹי וִוי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער: 'פַארְוָואס גֵייט מִיר נִישְׁט? פַארְוָואס מוּטְשֶׁע אִיךְ זִיךְ?' "כְּמוֹ כֵן בְּהֶכְרֵחַ שֶׁיִּהְיֶה קָשֶׁה קֻשְׁיוֹת עַל הַצַּדִּיק, כִּי הוּא מִתְדַּמֶּה אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דָא קַשְׁיוֹת אוֹיף צַדִיקִים; אָבֶּער דֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס, וואוּיל אִיז דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט קֵיין קַשְׁיוֹת אוֹיף זֵיי.

אַז עֶס קוּמֶען דִיר אַרַיין שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת אוֹיף דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע הֵיילִיגֶע צַדִיקִים זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער קוּק מִיךְ אָן וִוי אִיךְ זֶע אוֹיס, אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט, אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶועזְן, אוּן דָאס הָאט מִיךְ אַזוֹי פַארְדְרֵייט מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת אַז אִיךְ הָאבּ קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, אִיךְ הָאבּ פַארְלוֹירְן מַיין אֱמוּנַת צַדִיקִים, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן צוּרִיק בַּאקוּמֶען מַיין תְּמִימוּת, מַיין אֱמוּנָה"**; אַזוֹי זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז דוּ וֶועסְט צוּרִיק בַּאקוּמֶען דַיין תְּמִימוּת.

דֶערְצֵייל פַאר דַיינֶע קִינְדֶער וָואס מֶער מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, דָאס וֶועט דִיר הֶעלְפְן הָאבְּן רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, דָאס וֶועט דִיךְ רַאטֶעוֶוען פוּן אַלֶע צָרוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רלד): "דַּע", וִויסְן זָאלְסְטוּ, "שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הַיְנוּ מִמַּה שֶּׁאֵרַע לָהֶם, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", אַז דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "וְעַל יְדֵי זֶה נִטְהַר מַחֲשַׁבְתּוֹ", אוּן אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ רֵיינִיגְן דִי מֹחַ מַחֲשָׁבָה, "גַּם

נִצּוֹל מִצָּרוֹת", אוֹיךְ וֶוערְט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן צָרוֹת, אוּן פוּן מוֹחִין דְקַטְנוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיז גְרַאפָאלָאגְיֶע אַן אוֹיסְגֶעהַאלְטֶענֶע זַאךְ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס אַסַאךְ גֶעאַרְבֶּעט צוּ מַאכְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אַ גְרוּשׁ מִיט אַ גְרוּשָׁה בְּזִוּוּג שֵׁנִי; נָאךְ אַסַאךְ אַרְבֶּעט, נָאךְ אַסַאךְ זִיךְ נָאכְפְרֶעגְן אוּן רֶעדְן אוּן אִיבֶּערְרֶעדְן - הָאט אֵיין זַייט בַּאשְׁלָאסְן אַז זֵיי ווִילְן גֶעבְּן אַ כְּתַב יָד פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט צוּ אַ גְרַאפָאלָאג, אוּן דִי עֶנְטְפֶער פוּנֶעם גְרַאפָאלָאג אִיז גֶעוֶוען אַז דֶער שִׁידוּךְ שְׁטִימְט נִישְׁט.

אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט גָאר גְרוֹיס עַגְמַת נֶפֶשׁ פוּן דֶעם, עֶס הָאט מִיר אִינְגַאנְצְן אַוֶועק גֶענוּמֶען דֶעם אַפֶּעטִיט וַוייטֶער צוּ טוּן אִין שִׁידוּכִים.

אִיךְ ווִיל ווִיסְן וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע בְּלִיק אוֹיף דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן גְרַאפָאלָאגְיֶע, הָאט עֶס אַן אֱמֶת אִין זִיךְ? אִיז עֶס אוֹיסְגֶעהַאלְטְן עַל פִּי תּוֹרָה?

אוֹיךְ דַארְף אִיךְ חִיזּוּק אַז אִיךְ זָאל וַוייטֶער קֶענֶען עוֹסֵק זַיין אִין מַאכְן שִׁידוּכִים.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן גְרַאפָאלָאגְיֶע אִיז אַ גְרוֹיסֶע דִמְיוֹן אוֹיסְגֶעזוֹיגְן פוּן דִי פִינְגֶער, עֶס הָאט נִישְׁט קֵיין שׁוּם מְקוֹר אִין דִי תּוֹרָה, עֶס הָאט נִישְׁט מִיט קְדוּשָּׁה.

דִי צָרָה אִיז, אַז לֵיידֶער זֶענֶען מִיר אִין אַזַא בִּיטֶערֶע גָלוּת, אַז בַּיי הֵיימִישֶׁע מִשְׁפָּחוֹת הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט דִי אַלֶע סָארְט דִמְיוֹנוֹת פוּן גְרַאפָאלָאגְיֶע וְכוּ', וָואס שְׁטַאמְט פוּן דִי פֶעלְקֶער אוּן פוּן דִי עֵרֶב רַב.

טו וַוייטֶער אִין דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה פוּן שִׁידוּכִים, וֶוער נִישְׁט צֶעפַּאלְן בַּיי זִיךְ אַז דֶער שִׁידוּךְ הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט, טו וַוייטֶער אִין שִׁידוּכִים פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ טו אוֹיךְ אִין דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן מַאכְן שִׁידוּכִים, יֶעדְן טָאג טו אִיךְ אִין שִׁידוּכִים, אוּן אִיךְ הָאב אוֹיךְ אָן אַ שִׁיעוּר חֲלִישׁוּת הַדַעַת, עַגְמַת נֶפֶשׁ אוּן בִּזְיוֹנוֹת, אוּן בַּיי מִיר קוּמְט אוֹיךְ אַרַיין דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּן אָפְּלָאזְן, אִיךְ טְרַאכְט צוּ זִיךְ - נָאכְן זִיךְ פָּארֶען מִיט אַ שִׁידוּךְ אוּן עֶס וֶוערְט פַּארְפְּלָאנְטֶערְט וְכוּ' וְכוּ' - 'וָואס פֶּעלְט מִיר אוֹיס צוּ מַאכְן שִׁידוּכִים?' אִיךְ טְרַאכְט: 'שׁוֹין גֶענוּג גֶעוֶוען, דָאס אִיז דִי לֶעצְטֶע שִׁידוּךְ מִיט וָואס אִיךְ פָּארֶע זִיךְ'; אָבֶער אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ פוּן מוֹהֲרָא"שׁ וָואס הָאט גֶעבְּלוּטִיגְט פַּאר שִׁידוּכִים, גֶעבְּלוּטִיגְט צוּ מַאכְן שִׁידוּכִים, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעהַאט דֶערְפוּן, נָאר בִּזְיוֹנוֹת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ. עֶר הָאט זִיךְ פַּארְשֶׁעמְט פַּאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן עֶר אִיז וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען בִּיז זַיין לֶעצְטֶע טָאג פוּן זַיין לֶעבְן, דָאס מַאכְט מִיךְ וַוייטֶער אָנְגֵיין.

זָאלְסְטוּ אוֹיךְ וַוייטֶער טוּן אִין שִׁידוּכִים, אוּן אַז דוּ הֶערְסְט אַז מֶען וִויל אַ כְּתַב פַּאר גְרַאפָאלָאגְיֶע אָדֶער אַנְדֶערֶע טְשַׁאדֶעלֶע בַּאדֶעלֶע מַעֲשִׂיוֹת - זָאלְסְטוּ רֶעדְן מִיט זֵיי אוּן זָאגְן אַז דָאס אִיז נִישְׁט דִי דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, דָאס אִיז קֶעגְן דִי תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וִוי אַזוֹי גְרֵייט מֶען זִיךְ צוּם יוֹם טוֹב מִיט רוּאִיגְקֵייט?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין וַוייב בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל פְרֶעגְן אַן עֵצָה פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ דִי הֵיילִיגֶע יָמִים טוֹבִים פוּן פּוּרִים אוּן פֶּסַח, אוּן דָאס דֶערְמַאנְט אִיר וָואס זִי הָאט מִיטְגֶעמַאכְט לֶעצְטֶע יָאר אִין דִי צַייטְן, וִוי שְׁוֶוער זִי הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט, וִוי שְׁוֶוער זִי הָאט גֶעאַרְבֶּעט, וִויפִיל לַחַץ אוּן דְרִיק זִי הָאט גֶעהַאט, וִוי זִי הָאט מַמָּשׁ גֶעפְּלַאצְט אוּן

נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְנֶעמֶען דִי שְׁוֶועריקַייטְן; אוּן יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט נָאכְאַמָאל, ווייל זִי נִישְׁט עֶס זָאל זִיךְ נָאכְאַמָאל אִיבֶּערְ'חַזְרְ'ן דִי זֶעלְבֶּע, וְוִי אַזוֹי קֶען מֶען זַיין רוּאִיג, זִיךְ גְרֵייטְן צוּ דִי יָמִים טוֹבִים מִיט אַ רוּאִיגְקַייט?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, ב' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וֶוען עֶס קוּמֶען דִי יָמִים טוֹבִים טֶעג, אוּן מֶען דַארְף אָנְגְרֵייטְן דִי שְׁטוּבּ - דַארְף מֶען צֶעטֵיילְן דִי אַרְבֶּעט צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, דִי וַוייבּ שְׁטֶעלְט אַהֶער דֶעם יוֹם טוֹב, אָבֶּער דָאס קֶען נָאר אַרְבֶּעטְן אַז דֶער מַאן מַאכְט אִיר פְרֵיילִיךְ, אַז עֶר קוּמְט אַהֵיים פְרֵיילִיךְ, אוּן מַאכְט צַייט צוּ אִיר אוֹיסְהֶערְן אוּן אוֹיסְרֶעדְן.

דַיין אַרְבֶּעט אִיז בַּארוּאִיגְן דַיין וַוייבּ אוּן אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן זִיךְ אִינְאֵיינֶעם אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט, זִיךְ יֶעדְן טָאג אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרָט וֶוען עֶס קוּמְט אַ שַׁבָּת אוּן אַ יוֹם טוֹב דַארְף מֶען זִיךְ פוּן פְרִישׁ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַזוֹי וְוִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב): "וְדַרְכִּי, כְּשֶׁבָּא הַיּוֹם אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַתְּנוּעוֹת שֶׁלִּי וְשֶׁל בָּנַי וְהַתְּלוּיִים בִּי עַל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ, וְזֶה טוֹב מְאֹד", אִיךְ פִיר זִיךְ אַז יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִיבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער אַלֶע מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַלֶע מַיינֶע דִיבּוּרִים אוּן אַלֶע מַיינֶע מַעֲשִׂים פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "גַּם אֲזַי אֵין צָרִיךְ לִדְאֹג וְלַחְשֹׁב כְּלָל 'אִם מִתְנַהֵג כָּרָאוּי אִם לָאו', מֵאַחַר שֶׁסּוֹמֵךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ, וְאִם הוּא יִתְבָּרַךְ רוֹצֶה בְּעִנְיָן אַחֵר, הוּא מְרֻצֶּה לְהִתְנַהֵג בְּעִנְיָן אַחֵר כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי, אַזוֹי דַארְף אִיךְ נִישְׁט טְרַאכְטְן נָאכְדֶעם 'צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן אוּן אֶפְשָׁר וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט

טוּן פַארְקֶערְט׳, וַוייל אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַלֶעס זִיכֶער גוּט, "וְכֵן כְּשֶׁמַּגִּיעַ שַׁבָּת אוֹ יוֹם טוֹב", אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט שַׁבָּת אוּן יוֹם טוֹב, "אֲזַי אֲנִי מוֹסֵר כָּל הַהִתְנַהֲגוּת וְכָל הָעִנְיָנִים וְהַתְּנוּעוֹת שֶׁל אוֹתוֹ הַשַּׁבָּת אוֹ הַיּוֹם טוֹב, לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁיִּהְיֶה הַכֹּל כִּרְצוֹנוֹ יִתְבָּרַךְ", גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אִיינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וַאֲזַי, אֵיךְ שֶׁמִּתְנַהֵג בְּאוֹתוֹ הַשַּׁבָּת וְיוֹם טוֹב, שׁוּב אֵינוֹ חוֹשֵׁב וְחוֹשֵׁשׁ כְּלָל שֶׁמָּא לֹא יָצָא יְדֵי חוֹבָה בְּהַנְהָגַת קְדֻשַּׁת אוֹתוֹ הַיּוֹם, מֵאַחַר שֶׁכְּבָר מָסַר הַכֹּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְסָמַךְ עָלָיו יִתְבָּרַךְ לְבַד", אַזוֹי בִּין אִיךְ רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ פוּנֶעם שַׁבָּת אוּן פוּנֶעם יוֹם טוֹב, אִיךְ דַארְף נִישְׁט אִיבֶּערְטְרַאכְטְן אוּן אִיבֶּערְקְלֶערְן צִי אִיךְ הָאבּ גוּט גֶעטוּן אָדֶער נִישְׁט.

מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (רֹאשׁ הַשָּׁנָה ו:): "אִשָּׁה, בַּעְלָהּ מְשַׂמְּחָהּ", דֶער מַאן דַארְף פְרֵיילִיךְ מַאכְן דִי וַוייבּ; אַזוֹי וֶועט זִי קֶענֶען אוֹיפְנֶעמֶען אַלֶע יָמִים טוֹבִים רוּאִיג מִיט שִׂמְחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוּט מֶען מִיט קִינְדֶער וָואס דְרֵייעֶן אִיבֶּער?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן צְווֵיי שְׁאֵלוֹת וֶועגְן מַיינֶע קִינְדֶער אִין שְׁטוּבּ, בָּרוּךְ הַשֵּׁם זֵייעֶר וואוֹילֶע לֶעבְּטִיגֶע קִינְדֶער, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען דֶער צְוֵוייטֶער וֶוערְט שׁוֹין גְרוֹיס, הֵייבְּט עֶר אָן פַארְפִירְן אוּן ווילְדֶעוֶוען, אוּן עֶר שְׁלֶעפְּט מִיט דֶער גְרֶעסֶערְן.

אֵיינְס, וָואס טוּ אִיךְ אַז זֵיי הֵייבְּן אָן צוּ שְׁפֵּייעֶן אוּן זֵיי לַאכְן? אֲפִילוּ וֶוען אִיךְ זָאג זֵיי צוּ אוֹיפְהֶערְן, אוּן אֲפִילוּ אַז אִיךְ זָאג זֵיי שְׁטְרֶענְג, הֶעלְפְט עֶס נִישְׁט, זֵיי לַאכְן נָאךְ מֶער אוּן שְׁפֵּייעֶן שְׁטֶערְקֶער אוּן מִיט אַ גְרֶעסֶערֶע חִיוּת, אוּן אַז אִיךְ גֶעבּ זֵיי אַ פַּאטְשׁ הֶעלְפְּט עֶס אוֹיךְ נִישְׁט, נָאר אוֹיבּ אִיךְ נֶעם יֶעדְן אֵיינֶעם בַּאזוּנְדֶער אַלֵיין דֶעמָאלְט הֶעלְפְּט אַ פַּאטְשׁ; אִיז רִיכְטִיג זֵיי צוּ גֶעבְּן אַ פֶּעטְשְׁעלֶע פַאר דֶעם?

צְוֶוייטְנְס, אַסַאךְ מָאל שַׁבָּת הֵייבְּן זֵיי אָן שְׁלֶעפְּן דֶעם טִישְׁטוּךְ, אוּן אוֹיךְ דֶעמָאלְט הֶעלְפְט נִישְׁט גָארְנִישְׁט, אִינְדֶערְוָואכְן הָאבְּן מִיר נִישְׁט קֵיין טִישְׁטוּךְ בַּיים עֶסְן, קֶען אִיךְ זֵיי נִישְׁט אוֹיסְלֶערְנֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט שְׁלֶעפְּן, נָאר שַׁבָּת, אוּן דֶעמָאלְט פוּן אֵיין זַייט ווִיל אִיךְ נִישְׁט מַאכְן שְׁטְרֶענְגֶע סְעוּדוֹת אוּן זֵיי דַארְפְן אַסַאךְ אָנְשְׁרֵייעֶן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶערְן זֵיי דָאךְ אִיבֶּער דֶעם טִישׁ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ אוֹיף אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיווּ, וָואס הֶעלְפְן אוּן זֶענֶען מְחַזֵּק.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיט קִינְדֶער קֶען מֶען נָאר מַצְלִיחַ זַיין אַז מֶען אִיז נִישְׁט אָנְגֶעצוֹיגְן, נָאר מֶען אִיז רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ, נָאר דֶעמָאלְט זֶענֶען דִי אוֹיעֶרְן אָפְן; דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן דָאס, דִי קִינְדֶער ווֵייסְן דָאס, אוּן נָאר אַז דֶער טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע - אַז מֶען אִיז רוּאִיג, מֶען אִיז נִישְׁט אִין נֶערְוֶועז - דֶעמָאלְט הֶערְן זֵיי וָואס מֶען רֶעדְט, ווִידֶערְאוּם אוֹיבּ מֶען אִיז גֶערֶעגְט וְכוּ' - הֶעלְפְט נִישְׁט זָאגְן, הֶעלְפְט נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוּן אוֹיךְ נִישְׁט שְׁלָאגְן, (שְׁלָאגְן טָאר מֶען נִישְׁט; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט נִישְׁט שְׁלָאגְן קֵיין קִינְדֶער, אוּן עֶס הֶעלְפְט נִישְׁט).

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַסַאךְ הַדְרָכָה פוּן מוֹהֲרָא"שׁ ווִי אַזוֹי צוּ פִירְן אַ יְשִׁיבָה, אַ חֵדֶר, מֵיידְל שׁוּלֶע; וָואס מֵיינְסְטוּ - וָואס זֶענֶען דִי סוֹדוֹת? וָואס זֶענֶען דִי טְרִיקְס? מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר אַלְץ גֶעזָאגְט: "זֶע עֶס זָאל זַיין אַ פְרֵיילִיכֶע אַטְמָאסְפֶער אִין יְשִׁיבָה, אִין חֵדֶר אוּן אִין מֵיידְל שׁוּלֶע, נָאר אַזוֹי וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין", אוֹיךְ הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעגֶעבְן דִי עֵצָה אַז יֶעדֶע מָאל אֵיידֶער אִיךְ גֶעבּ אַ שִׁיעוּר פַאר דִי תַּלְמִידִים זָאל אִיךְ זִינְגֶען מִיט זֵיי, אַזוֹי וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען זֵייעֶר הַארְץ, אוּן נָאר דָאס אַרְבֶּעט; אַז עֶס אִיז פְרֵיילִיךְ זֶענֶען דִי אוֹיעֶרְן אָפְן.

בְּנוֹגֵעַ דִי שַׁבָּת טִישְׁטוּךְ וְכוּ', גֶעבּ זִיךְ אַן עֵצָה עֶס זָאל זִיךְ נִישְׁט

אַרָאפְּגְלִיטְשְׁן; אָדֶער קֶענְסְטוּ לֵייגְן קְלִיפְּס בַּיי דִי זַייטְן, אָדֶער קֶענְסְטוּ אוּנְטֶער לֵייגְן אַ הַארְטֶע דוּרְכְזִיכְטִיגֶע פְּלֶעסְטִיק אוּן אוֹיף דֶעם לֵייגְן דִי וַוייכֶע דִינֶע פְּלֶעסְטִיק וָואס מֶען בַּייט בַּיי דִי סְעוּדוֹת, דָאס הַאלְט דִי טִישְׁטוּךְ אִין פְּלַאץ, אַזוֹי אִיז דָא כַּמָּה עֵצוֹת, אָבֶער דָאס אַלֶעס אַרְבֶּעט נָאר אוֹיב מֶען אִיז פְּרֵיילִיךְ, אוֹיב מֶען אִיז מִיט דִי נֶערְוֶועןְ - הֶעלְפְט גָארְנִישְׁט. אָךְ אוּן וֵויי אַ שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה וָואס גֵייט מִיט נֶערְוֶועןְ, עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ מִיט מַכּוֹת, אוּן דִי עֶנְדֶע אִיז אַז דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַוֶועק וְכוּ' הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַסַאךְ אוֹיף שִׂמְחָה אוּן אוֹיף צוּ קֶענֶען הָאבְּן אַ וֶועג מִיט דִי קִינְדֶער, צוּ גוּטֶע קִינְדֶער אִיז מֶען זוֹכֶה דוּרְךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (תָּנָא דְּבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּא, פֶּרֶק יח): "מַעֲשֶׂה בְּכֹהֵן אֶחָד", עֶס אִיז גֶעוֶועןְ אַ כֹּהֵן, "שֶׁהָיָה יְרֵא שָׁמַיִם בַּסֵּתֶר", זֵייעֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, "וְהָיוּ לוֹ עֲשָׂרָה בָּנִים מֵאִשָּׁה אַחַת", עֶר הָאט גֶעהַאט צֶען קִינְדֶער, "שִׁשָּׁה זְכָרִים וְאַרְבַּע נְקֵבוֹת", זֶעקְס זִין אוּן פִיר טֶעכְטֶער, "וּבְכָל יוֹם וָיוֹם הָיָה מִתְפַּלֵּל וּמִשְׁתַּטֵּחַ וּמִתְחַנֵּן וּמְבַקֵּשׁ רַחֲמִים", עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג זִיךְ אַרָאפְוַוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד, וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּמְלַחֵךְ בִּלְשׁוֹנוֹ עָפָר", עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְלֶעקְן דֶער עֶרְד מִיט זַיין צִינְג (דָאס אִיז אַן אוֹיסְדְרִיק ווִי אֵיינֶער פַארְפִירְט אוּן ווִיל עֶפֶּעס פּוֹעֶל'ן) - "כְּדֵי שֶׁלֹּא יֵצֵא אֶחָד מֵהֶן לִידֵי עֲבֵירָה וְלִידֵי דְּבַר מְכֹעָר", אַז אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן קֵיינֶער זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ קֵיין עֲבֵירוֹת, "אָמְרוּ, לֹא יָצְתָה אוֹתָהּ שָׁנָה וְלֹא שֵׁנִית וְלֹא שְׁלִישִׁית", אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אִים, עֶס אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער קֵיין סַאךְ צַייט, נָאךְ אַ קוּרְצֶע צַייט, "עַד שֶׁבָּא עֶזְרָא וְהֶעֱלָה אֶת יִשְׂרָאֵל מִבָּבֶל, וְהֶעֱלָה אִתּוֹ כֹּהֵן עִמָּהֶם", הָאט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע אִידְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן אוֹיפְגֶעבּוֹיט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אוּן דֶער אִיד אִיז אוֹיךְ גֶעוֶועןְ פוּן דִי וָואס זֶענֶען צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען קַיין יְרוּשָׁלַיִם, "עַד שֶׁרָאָה כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים וּפִרְחֵי כְּהוּנָּה מִבָּנָיו וּמִבְּנֵי בָנָיו עַד חֲמִשִּׁים שָׁנָה, וְאַחַר כָּךְ נִכְנַס אוֹתוֹ כֹּהֵן לְבֵית עוֹלָמוֹ", מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער צוּזַאמֶען מִיט עֶזְרָא הַסּוֹפֵר, אוּן אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוָוארְן כֹּהֲנִים גְּדוֹלִים אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, דֶער כֹּהֵן הָאט זוֹכֶה

גֶעוֶועְן צוּ קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ וָואס אַלֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטוּן דִי עֲבוֹדָה אִינֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז תְּפִלָּה אִיז דִי עֵצָה זוֹכֶה צוּ זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## מוּז מֶען נָאכְגֶעבְּן דִי וַוייבְ'ס שְׁוֶועֶרֶע פַארְלַאנְגֶען?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק וָואס אִיךְ בַּאקוּם פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו.

אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ עֶס אִיז אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ אַז אַ פְרוֹי זָאל גֶעבְּן פַאר אִיר מַאן אַ לִיסְטֶע פוּן זַאכְן וָואס עֶר דַארְף טוּן אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע צְוֵויי וָואכְן, אוּן אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט זִי אִים אִיבֶּערְלָאזְן?

מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן קֵיין גְרִינְגֶע זַאכְן, נָאר שְׁוֶועֶרֶע אוּן אוֹיךְ קָאסְטְבַּארֶע זַאכְן, עֶר מוּז טְרֶעפְן אַ הוֹיז פוּנְקְטְלִיךְ וואוּ אוּן וִוי אַזוֹי זִי הָאט לִיבּ, וָואס אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ שַׁאפְן; עֶר מוּז טוּישְׁן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי עֶר גֵייט אָנְגֶעטוּן אַז עֶס זָאל זַיין מֶער 'הַיינְטִיג', אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ וִוי אַזוֹי עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט, עֶר מוּז אִיר צוּשְׁטֶעלְן אַ רוֹימֶערְקֶע פַאר כָאטְשׁ דְרַיי מָאל אַ וָואךְ פַאר אַ גַאנְצְן טָאג, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער זַאכְן וָואס זֶענֶען שְׁוֶוער אָדֶער מַמָּשׁ אוּמְמֶעגְלִיךְ צוּ קֶענֶען נָאכְקוּמֶען.

וָואס פוּנְקְטְלִיךְ דַארְף דֶער מַאן טוּן אִין אַזַא סִיטוּאַצְיֶע?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**... נֵרוֹ יָאִיר**

פוּן דִי פְרַאגֶע זֶעט מִיר אוֹיס אַז עֶס פֶעלְט פוּן דִי לִיבְּשַׁאפְט פוּן צְוִוישְׁן עֶנְק, אוּן דָאס מַאכְט אִיר רֶעדְן אַזוֹי שַׁארְף.

וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן? מֶען דַארְף אַלֶעס טוּן צוּ הַאלְטְן דִי שְׁטוּבּ, אוּן זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט גֶטְ'ן. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן צ): "צְרִיכִין לִזָּהֵר מְאֹד מְאֹד שֶׁלֹּא לְגָרֵשׁ אֶת אִשְׁתּוֹ", מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל נִישְׁט צוּקוּמֶען צוּ צֶעבְּרֶעכְן אַ שְׁטוּבּ, עַיֵּין שָׁם.

לְדַעְתִּי זָאלְסְטוּ טוּישְׁן דִי וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ פִירְסְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ, זָאלְסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין וַוייבּ, זָאלְסְט רֶעדְן צוּ אִיר מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מִיט לִיבְּשַׁאפְט, אוּן זָאלְסְט אִיר גֶעבְּן גֶעלְט פַאר וָואס זִי דַארְף; מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ אִיז זֵייעֶר הֵיילִיג, אוּן דָאס אִיז אַ יְסוֹד אִין בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידוּת. קוּק דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רסד): "הִזְהִיר לְכַבֵּד וּלְיַקֵּר אֶת אִשְׁתּוֹ", דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארֶענְט מִיר זָאלְן מְכַבֵּד זַיין אוּן הַאלְטְן טַייעֶר דִי וַוייבּ, "הֲלֹא הַנָּשִׁים הֵם סוֹבְלִים צַעַר וְיִסּוּרִים גְּדוֹלִים מְאֹד מְאֹד מִיַּלְדֵיהֶם, צַעַר הָעִבּוּר וְהַלֵּדָה וְהַגִּדּוּל, כַּאֲשֶׁר יָדוּעַ לַכֹּל עֹצֶם מַכְאוֹבָם וְצַעֲרָם וְיִסּוּרֵיהֶם", וַוייל דִי וַוייבֶּער לַיידְן אִין לֶעבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ צַעַר, זֵיי הָאבְּן גְרוֹיסֶע יְסוּרִים פוּן דִי קִינְדֶער, צַעַר הָעִיבּוּר, צַעַר הַלֵּידָה אוּן צַעַר גִּדּוּל בָּנִים.

זֵייעֶר פִיל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּנְז מְחַזֵּק גֶעוֶוען אוֹיף שָׁלוֹם בַּיִת, וַוייל חַס וְחָלִילָה אוֹיבּ מֶען גֶט זִיךְ וֶוערְט מֶען פַארְכַאפְּט אִין אַ בִּיטֶערֶע פַּאסְטְקֶע פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן רסג): "זֶה מַעֲשֶׂה בַּעַל דָּבָר", דָאס אִיז מַעֲשֶׂה שָׂטָן, "שֶׁמַּנִּיחַ אֶת עַצְמוֹ עַל זֶה מְאֹד, לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁל בְּנֵי הַנְּעוּרִים, כְּדֵי שֶׁיִּתָּפְסוּ בִּמְצוּדָתוֹ חַס וְשָׁלוֹם עַל יְדֵי זֶה", דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מֶען זָאל זִיךְ צֶעטֵיילְן, וַוייל אַז מֶען אִיז אָן אַ וַוייבּ כַאפְּט עֶר אַרַיין דֶעם מֶענְטְשׁ בַּיי אִים אִין זַאק אַרַיין, "כִּי הוּא אוֹרֵב עַל זֶה מְאֹד, לְתָפְסָם בִּנְעוּרֵיהֶם עַל יְדֵי קִלְקוּל הַשָּׁלוֹם בַּיִת חַס וְשָׁלוֹם, שֶׁגּוֹרֵם בְּעַרְמוּמִיּוּתוֹ לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם שֶׁבֵּינֵיהֶם", וַוייל דֶער יֵצֶר הָרָע לָאקֶערְט אוֹיף יוּנְגֶע פָּארְפֶעלְקֶער זֵיי צוּ צֶעטֵיילְן, אוּן אַזוֹי כַאפְּט עֶר זֵיי אַרַיין אִין שְׁמוּצִיגֶע עֲבֵירוֹת.

אַז דוּ וֶועסְט רֶעדְן צוּ דַיין וַוייבּ מִיט לִיבְּשַׁאפְט, דוּ וֶועסְט אִיר גֶעבְּן גֶעלְט אוּן דוּ וֶועסְט אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן – וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זַיין מִיט עֶנְק אוּן עֶס וֶועט עֶנְק גָארְנִישְׁט פֶעלְן. אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט (סֵפֶר מְנוֹרַת

הַמָּאוֹר נֵר ג׳ כְּלַל ו׳ חֵלֶק ד׳, פֶּרֶק א) : ״אִם הָאִשָּׁה נוֹהֶגֶת כָּרָאוּי״, אַז דִי פְרוֹי אִיז עֶרְלִיךְ, זִי פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ, ״מִצְוָה עַל בַּעְלָהּ לְכַבְּדָהּ וּלְשַׂמְּחָהּ״, אִיז אַ מִצְוָה אוֹיפְן מַאן אִיר צוּ מְכַבֵּד זַיין אוּן אִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, ״וְשֶׁלֹּא יַכְנִיעֶנָּה יוֹתֵר מִדַּאי״, אוּן נִישְׁט אִיר אוּנְטֶערְדְרִיקְן, ״וְזֶהוּ טוֹב לוֹ, גַּם יִזָּהֵר שֶׁלֹּא יַעֲנֶה אוֹתָהּ בְּאוֹנָאוֹת שֶׁלֹּא כְּדִין אוֹ בְּאוֹנָאַת דְּבָרִים״, אוּן עֶר זָאל אִיר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען, ״וִיהֵא זָהִיר בַּתְּבוּאָה בְּתוֹךְ בֵּיתוֹ״, אוּן עֶר זָאל זֶען צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, ״כְּדֵי שֶׁלֹּא יָבוֹאוּ לִמְרִיבָה עַל זֶה״, כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט קוּמֶען קְרִיגְן, ״וְאִם יִתְנַהֵג עִמָּהּ כָּרָאוּי, יִהְיֶה שָׁלוֹם בֵּינֵיהֶם, וְהַשְּׁכִינָה מָגֵן בַּעֲדָם״, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ אַזוֹי פִירְן, וֶועט זַיין שָׁלוֹם אוּן דִי שְׁכִינָה וֶועט זֵיי בַּאשִׁיצְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר גֶעבְּן שֵׂכֶל אוּן פַארְשְׁטַאנְד וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אַיינְבֵּייגְן דֶעם קָאפּ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן**

**מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט זִיךְ פִירְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ דַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים, צוּם מְנַהֵל אוּן צוּ יֶעדֶער עֶלְטֶערֶער מֶענְטְשׁ, אוּן אַז דוּ הָאסְט זִיךְ פַארְעֶנְדְט פַארְן מְנַהֵל, הָאסְט אִים גֶעזָאגְט אַ נִישְׁט שֵׁיינֶע וָוארְט, אַ וָוארְט מִיט זִלְזוּל - דַארְפְסְטוּ אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן; גֶעדֶענְק אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואס קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם פַארְרֶעכְטְן, יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן - הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם פַארְרֶעכְטְן, אִיךְ קֶען יֶעדְן מְתַקֵּן זַיין, אוֹיסֶער אַ מְחוּצָף, אַן עַזּוּת פָּנִים", אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, כ): "עַז פָּנִים לְגֵיהִנֹּם"; אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ אִיז דָאס.

אִיךְ ווִיל זֵייעֶר דַיין הַצְלָחָה, אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט מַמְשִׁיךְ זַיין אִין יְשִׁיבָה, אוּן נָאר אַז דוּ וֶועסְט אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם מְנַהֵל אוּן אִיבֶּערְבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דִי וָוארְט וָואס דוּ הָאסְט גֶעזָאגְט פַארְן מְנַהֵל וָואס אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר דִי יְשִׁיבָה שׁוֹין פַאר אַכְצְן יָאר; ר' אַבְרָהָם מֹשֶׁה אִיז פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג וָואס דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט - זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ פַאר דִי יְשִׁיבָה אוּן פַאר דִי קְהִילָה, אִיז ווִי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ אַז אַ יוּנְגֶער בָּחוּר זָאל רֶעדְן מִיט חוּצְפָּה, מִיט עַזּוּת? אִים זָאגְן וֶוערְטֶער וָואס מֶען זָאגְט אוֹיף מְסוּכָּן'דִיגֶע מֶענְטְשְׁן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ?!

דִי אַלֶע בָּחוּרִים וָואס זָאגְן: "אִיךְ פָאלְג נָאר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה

זָאגְט״ - דִי מֵיינֶען עֶס נִישְׁט אֱמֶת׳דִיג, דִי ווִילְן נִישְׁט פָּאלְגְן, דִי ווִילְן טוּן ווָאס זֵיי ווִילְן, דִי ווִילְן מִיר נִישְׁט הֶעלְפְן. אִיךְ הָאבּ דִי פְּרָאבְּלֶעם סַיי אִין יְשִׁיבָה אוּן סַיי אִין דִי קְהִילָה, נָאכְדֶעם ווָאס מֶען הָאט מְמַנֶּה גֶעוֶוען גַבָּאִים, מְנַהֲלִים, מְלַמְדִים וְכוּ׳ וְכוּ, אוּן אַנְשְׁטָאט הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי שֵׁיינֶע קְהִילָה, טוּן ווָאס דִי גַבָּאִים זָאגְן, פָּאלְגְן דִי מְנַהֲלִים אוּן זֵיי מְכַבֵּד זַיין, נִיצְט מֶען דִי נָאמֶען פוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה, מֶען זָאגְט: ״אִיךְ פָּאלְג נָאר דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה״, ״אִיךְ טוּ נָאר אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר זָאגְן״, אוּן מֶען מַאכְט שְׁוֶוערֶער דִי אַרְבֶּעט.

אִיךְ ווִיל דַיין גוּטְס, אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אִיךְ הָאבּ לִיבּ דַיינֶע עֶלְטֶערְן, אִיךְ ווִיל דִיךְ נִישְׁט דַארְפְן אַרוֹיסְוַוארְפְן פוּן יְשִׁיבָה, אִיךְ ווִיל דִיךְ אַ חָתָן מַאכְן, אִיךְ ווִיל דִיךְ בַּאגְלֵייטְן ווַייטֶער דַיין גַאנְצֶע לֶעבְן, אָבֶער נָאר אַז דוּ וֶועסְט אַיינְבֵּייגְן דַיין קָאפּ פַאר עֶלְטֶערֶע, דוּ וֶועסְט הָאבְן הַכְנָעָה פַאר דִי מַגִּידֵי שִׁיעוּרִים, הָרַב יִשְׂרָאֵל יוֹסֵף שְׁנִיצְלֶער שְׁלִיטָ״א, אוּן פַאר הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים רוֹטְה שְׁלִיטָ״א, אוּן פַאר הָרַב יִצְחָק פֶעלְדְמַאן שְׁלִיטָ״א, אוּן זִיכֶער פַארְן מְנַהֵל ר׳ אַבְרָהָם מֹשֶׁה, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַאר יֶעדְן עֶלְטֶערְן אִיד.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט אָנְנֶעמֶען מַיינֶע וֶוערְטֶער ווָאס אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר, אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט קֶענֶען אַיינְבֵּייגְן דַיין קָאפּ; אַז דוּ וֶועסְט יֶעצְט אַיינְבֵּייגְן דַיין קָאפּ - וֶועסְטוּ קֶענֶען הָאבְן שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן זִיךְ אוֹיסְקוּמֶען אִין לֶעבְן מִיט אַלֶעמֶען, אוּן אַז עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט פַּאסְן זִיךְ אִיבֶּער צוּ בֶּעטְן, אִיז ווָאס וֶועט זַיין נָאךְ דַיין חֲתוּנָה? עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט מֶעגְלִיךְ זַיין צוּ לֶעבְן מִיט אַ ווַייבּ, אִיךְ ווֵייס ווָאס אִיךְ רֶעד, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אִין לֶעבְן קְלוּגֶע גֶעלוּנְגֶענֶע מֶענְטְשְׁן ווָאס הָאבְן נִישְׁט גֶעקֶענְט אִיבֶּערְבֶּעטְן, זֵיי זֶענֶען גֶעבְּלִיבְן מִיט דִי נִישְׁט גוּטֶע מִדָּה פוּן קִינְדְוַוייז אָן - אוּן זֵיי קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט קֵיין עֵצָה גֶעבְן אִין לֶעבְן.

פָּאלְג מִיךְ, אִיךְ ווִיל נָאר דַיין גוּטְס.

...

## מַאךְ הֲפָּצָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, י"ט שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן **לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, לֶעיקְוָואד**

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ קוּמֶען קַיין לֶעיקְוָואד לֵיל שִׁישִׁי פַּרְשַׁת יִתְרוֹ, אוּן גֶעבְּן דָארְט דִי שִׁיעוּר פַאר עֶנְקֶער חֲבוּרָה תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. אִיךְ זֶע עֶנְק הָאבְּן לִיכְטִיגֶע טַייעֶרֶע אִינְגֶעלַייט, אַ גָאר שֵׁיינֶע חֲבוּרָה, אִיךְ הָאף עֶנְק וֶועלְן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט עֶנְקֶער בְּרֶען צוּ 'הֲפָּצָה' - פַארְשְׁפְּרֵייטְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת פַאר עֶנְקֶער גַאנְצֶע גֶעגְנְט.

בְּנוֹגֵעַ עֶפֶּענֶען מוֹסְדוֹת אִין לֶעיקְוָואד; אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז נָאךְ אַבִּיסְל וֶועלְן מִיר קֶענֶען עֶפֶּענֶען אַ חֶדֶר מִיט אַ בֵּית פִּיגָא, מֶען דַארְף נָאךְ אַבִּיסְל תְּפִלָּה, נָאךְ הִתְבּוֹדְדוּת וִוי אַזוֹי דָאס אַוֶועק צוּ שְׁטֶעלְן וְכוּ' וְכוּ'.

מַאךְ הֲפָּצָה, פַארְבְּרֶענְג מִיט דִי מְפִיצִים, נֶעם צַאם אַלֶע חֲבֵרִים, אַלֶע זָאלְן לֵייגְן אִין דִי שׁוּלְן דֶעם רֶבִּינְ'ס הִתְחַזְקוּת, וַוייל עֶס גֵייט אַרִיבֶּער בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוֹיף מֶענְטְשְׁן, בִּפְרַט אוֹיף דִי בְּנֵי הַנְּעוּרִים, אוּן נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי קֶען זֵיי אַלֶע רַאטֶעוֶועְן פוּן זִיךְ וֶועלְן נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן זֵיי מַאכְן פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן.

...

## זָאג תְּהִלִּים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר מוֹחֵל זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ"א שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן **... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל תְּהִלִּים, אוּן אַז מֶען קֶען אַרוֹיסְכַאפְּן צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם "יוֹם תְּהִלִּים" - אִיז גָאר גוּט, וַוייל אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִּים, אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ סֵפֶר תְּהִלִּים - אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת. וַוייל דָּוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (מִדְרָשׁ שׁוֹחֵר טוֹב תְּהִלִּים א, א) אַז דֶער וָואס וֶועט זָאגְן תְּהִלִּים וֶועט עֶס זַיין חָשׁוּב אַזוֹי וִוי מֶען לֶערְנְט מַסֶּכֶת

נְגָעִים און מַסֶּכֶת אָהֳלוֹת און עֶר הָאט דָאס גֶע׳פּוֹעֵל׳ט (סֵפֶר שְׁלָ״ה מַסֶּכֶת יוֹמָא עַמּוּד הַתְּשׁוּבָה, סִימָן כט), און מוֹהֲרַא״ש זָאגְט, וָואס עֶפֶּעס דִי צְוֵויי מַסֶּכְתּוֹת? נָאר אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז אִין דִי טוּמְאָה פון לָשׁוֹן הָרָע וָואס אוֹיף דֶעם קוּמֶען נְגָעִים, און אוֹיךְ דֶער וָואס אִיז אִין דִי טוּמְאָה פון אָהֳלוֹת - טֻמְאַת מֵת, כְּפִירוּת וְאַפִּיקוֹרְסוּת און נִיאוּף רַחֲמָנָא לִצְּלָן, אֲפִילוּ אַזַא אֵיינֶער וָואס אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע און אוֹיךְ אִיז עֶר גֶעפַאלְן אִין סְפֵיקוֹת אִין אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִשֵׁיזְבָן, דָאךְ, אוֹיב וֶועט עֶר זָאגְן תְּהִלִּים - וֶועט עֶס אִים אוֹיסְרֵיינִיגְן.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, [קַאפִּיטְל טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ], און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין שׁוֹין צוּ טְרֶעפְן דַיין זִיווּג און אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע וַוארֶעמֶע חֲסִידִי׳שֶׁע שְׁטוּב, עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

נָאר דֶערְהַאלְט זִיךְ, שְׁנַייד נִישְׁט דִי פֵּיאוֹת, שְׁנַייד נִישְׁט דִי בָּארְד, זַיי שְׁטָאלְץ מִיט דִי אִידִישֶׁע לְבוּשׁ.

...

## קָאנְצֶעטְרִיר זִיךְ נָאר צוּ הֶעלְפְן דַיין טַאטֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, כ״ה שְׁבַט, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הֶער אַז דַיין טַאטֶע נֵרוֹ יָאִיר אִיז גֶעפַאלְן און זִיךְ צֶעבְּרָאכְן דִי נָאז מִיט דִי הֶענְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים שִׁיקְן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, אִיךְ בִּין מִתְפַּלֵּל פַאר אִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר, יֶעצְט זָאלְסְטוּ לֵייגְן אַלֶע דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ טוּסְט מִיטְן הֶעלְפְן מֶענְטְשְׁן - אִין דִי זַייט, און דוּ זָאלְסְט זִיךְ קָאנְצֶעטְרִירְן צוּ הֶעלְפְן דַיין טַאטֶע. נֶעם פַאר דִיר דִי מִצְוָה, דָאס זָאלְסְטוּ טוּן מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ און גֶעפִיל, וַוייל הֶעלְפְן אַ טַאטֶע און אַ מַאמֶע אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע זַאךְ.

דֶער עִיקָר אִיז דִי שֵׁיינֶע בַּאנֶעמוּנְג, דִי צוּגַאנְג, עֶס זָאל זַיין מִיט הַכְנָעָה, מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

...

## אַ גַאנְץ יָאר פְרֵיילִיךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג' פָּרְשַׁת תְּרוּמָה, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

"מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה" (תַּעֲנִית כט.), בַּיי אוּנְז בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים אִיז עֶס טָאפְּלְט, וַוייל מִיר דַארְפְן אַ גַאנְץ יָאר זַיין פְרֵיילִיךְ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן כד): "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיךְ; אוּן אַז עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֲדָר אוּן חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן: "מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", דַארְף מֶען טָאפְּלְט זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן אַז מֶען שְׁפִּירְט ווִי דִי עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה נֶעמְט אִיבֶּער דֶעם מֶענְטְשׁ - דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ, אוּן טוּן אַלֶעס אַבִּי צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; וַוייל אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ קוּמְט מֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אוּן חַס וְשָׁלוֹם עַצְבוּת וּמָרָה שְׁחוֹרָה - אִיז דִי מְקוֹר הַטוּמְאָה הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, גֵיי אַ טֶענְצְל יֶעדְן טָאג, פַּאטְשׁ אוּן טַאנְץ, אַשְׁרֵינוּ מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ וּמַה נָּעִים גּוֹרָלֵנוּ, אַז מִיר זֶענֶען פוּן דִי עַם הַנִּבְחָר, בָּנִים לַמָּקוֹם, אוּן אוֹיךְ פוּן דִי וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעקוּקְט וְכוּ'.

אַז דוּ בִּיסְט גֶעפַאלְן וְכוּ' - הֵייבּ זִיךְ אוֹיף, בְּלַייבּ נִישְׁט לִיגְן אִין דִי בְּלָאטֶע, שְׁרֵיי פוּן דָארְט: "טַאטֶע, טַאטֶע!"

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## סַיי גֵיין צוּ עֶלְטֶערְן, אוּן סַיי אַהֵיימְגֵיין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

בְּנוֹגֵעַ וָואס מִיר הָאבְּן נֶעכְטְן גֶעשְׁמוּעֶסְט וְכוּ׳; עֶס אִיז אַ שְׁוֶוערֶע מַעֲשֶׂה, וַוייל כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז הֶעכֶער אַלֶעס, אָבֶּער אַז דַיין שָׁלוֹם בַּיִת צֶעפַּאלְט - אִיז אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין עֵסֶק; אוּן אַז דַיינֶע עֶלְטֶערְן ווילְן דוּ זָאלְסְט קוּמֶען טָאג אֵיין טָאג אוֹיס, זִיצְן דָארְט אָן קֵיין זֵייגֶער, אוּן וִויפִּיל דוּ גֵייסְט צוּ זֵיי ווילְן זֵיי נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן דַיין וַוייבּ וִויל זַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דִיר פְּרִיוַואט; דַארְפְסְטוּ מִיט חָכְמָה מַאכְן בֵּיידֶע, סַיי גֵיין צוּ זֵיי אוּן סַיי אַהֵיים גֵיין.

אִיךְ טְרַאכְט אַז דוּ זָאלְסְט גֵיין אֵיין מָאל אַ וָואךְ צוּ זֵיי מִיט דַיין וַוייבּ פַאר נַאכְטְמָאל, אָדֶער פַאר שַׁבָּת, אוּן דִי אִיבְּרִיגֶע נֶעכְט זָאלְסְטוּ עֶסְן אִין שְׁטוּבּ, זַיין מִיט דַיין וַוייבּ.

אוֹיךְ קֶענְסְטוּ אוֹיסַארְבֶּעטְן צוּ גֵיין צוּ זֵיי אִינְמִיטְן טָאג, נִישְׁט אוֹיפְן חֶשְׁבּוֹן פוּן דַיין וַוייבּ, דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ זֵיי הֶעלְפְן, פַארֶעכְטְן וָואס מֶען דַארְף פַארֶעכְטְן, אוּן שְׁמוּעֶסְן וְכוּ׳ וְכוּ׳.

זַיי נִזְהָר צוּ גֵיין יֶעדְן טָאג אִין מִקְוֶה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת הַמְתָּקַת הַדִּינִים חֵלֶק א, סִימָן פא): "הַמִּקְוֶה מַמְתִּיק הַדִּין", מִקְוֶה אִיז מַמְתִּיק דִי דִינִים, אוּן זַיי נִזְהָר צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן.

...

## נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה דַארְפְן מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**מִשְׁפַּחַת ... שֶׁיִּחְיוּ**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים חֵלֶק א, סִימָן ט): "צְנִיעוּת שֶׁבְּאִשָּׁה, מְזַכֶּה לָהּ לְבָנִים הֲגוּנִים", אַז דִי פְרוֹי פִירְט זִיךְ אֵיידְל - וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער; זָאלְן עֶנְק אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף צְנִיעוּת,

ווען עֶנְק גֵייעֶן צוּ עֶנְקֶערֶע עֶלְטֶערְן זָאלְן עֶנְק זִיךְ פִירְן אֵיידְל, אוּן מִיט שְׁוָואגֶערְס אוּן שְׁוֶועגֶערִינְס דַארְף מֶען נָאךְ מֶער זִיךְ פִירְן בִּצְנִיעוּת, אוֹיךְ אִין הֲלָכָה גֶעפִינֶען מִיר אַז מֶען דַארְף נָאךְ מֶער נִזְהָר זַיין בַּיי נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה, בַּיי הִלְכוֹת יִחוּד אִיז הַארְבֶער בַּיי שְׁוָואגֶערְס אוּן שְׁוֶועגֶערִינְס.

שְׁטַארְקְט עֶנְק, גֶעוואוּינְטְס עֶנְק צוּ צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִלִים, אוּן אוֹיךְ דִי תְּפִילַת הַשְׁלָ"ה פַאר גוּטֶע קִינְדֶער; נֶעמְט עֶס נִישְׁט גְרִינְג, גוּטֶע קִינְדֶער קוּמְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין, נָאר אַז עֶס אִיז דָא צְנִיעוּת אִין שְׁטוּב, אוּן נָאר מִיט תְּהִלִים אוּן מִיט תְּפִלָּה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער.

...

## דִי יְשׁוּעָה קוּמְט אוֹיסְדְרִיקְלֶעךְ דוּרְכ'ן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וָואס דֶער דָאקְטֶער שְׁרֶעקְט אָן וְכוּ', עֶנְק זֶענֶען דֶערְשְׁרָאקְן אוּן פַארְלוֹירְן.

נֶעמְט דִי עֵצָה אוּן סְגוּלָה פוּן לוֹיבְּן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - עֶפְנְט דִי הִימְל פַאר יְשׁוּעוֹת, אוּן אוֹיךְ אוֹיב דִי טִירְן פוּן דִי יְשׁוּעָה זֶענֶען פַארְשְׁלָאסְן אוּן פַארְקְלַאפְּט - קֶען מֶען דָאס עֶפֶענֶען דוּרְךְ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ זָאלְן עֶנְק מִתְפַּלֵל זַיין, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וְכוּ', אָבֶּער דִי יְשׁוּעָה וֶועט קוּמֶען אוֹיסְדְרִיקְלֶעךְ דוּרְךְ דֶעם וָואס עֶנְק וֶועלְן נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע חֲסָדִים אוּן טוֹבוֹת וָואס עֶר טוּט מִיט עֶנְק.

אִיךְ וֵייס מַעֲשִׂיוֹת בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס דֶער דָאקְטֶער הָאט דֶערְשְׁרָאקְן מִיט דִי זֶעלְבֶּע שְׁרֶעק וָואס מֶען הָאט עֶנְק דֶערְשְׁרָאקְן אוּן זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶעס, אוּן זֵיי הָאבְּן זוֹכֶה

גֶעוֶוען צוּ אַ גֶעזוּנְט קִינְד, און דִי דָאקְטוֹירִים זֶענֶען פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב סִימָן א, אוֹת יא), "סְמִיכַת גְּאוּלָה לִתְפִלָּה", מִיט "גְּנִיזַת סֵפֶר הָרְפוּאוֹת" - גֵייט אִינְאֵיינֶעם, עַיֵּין שָׁם.

...

## אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן און אַזוֹי מְבֻלְבָּל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער וְכוּ' וְכוּ' - דָאס אִיז אַלֶעס לְמַעַן הַבְּחִירָה וְהַנִּסָּיוֹן, דִיךְ צוּ אוֹיסְפְּרוּבִּירְן און דִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן זָאלְסְט קוּמֶען נֶענְטֶער און נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן און אַזוֹי מְבוּלְבָּל, בִּיסְט אַרַיין אִין אַ קַטְנוּת הַדַּעַת - זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן און זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְוָוארְפְן וֶוערְן. דָאס מוּזְן אַלֶע בְּהֶכְרֵחַ אַרִיבֶּערְגֵיין, אַלֶע צַדִּיקִים זֶענֶען דָאס אַרִיבֶּער, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אַזוֹי דֶערְוַוייטֶערְט און אַזוֹי פַארְוָוארְפְן, און וֶוען נִישְׁט וָואס זֵיי וָואלְטְן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט און זִיךְ נִישְׁט נָאכְגֶעלָאזְט - וָואלְטְן זֵיי פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אֲפִילוּ דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז גֶעוֶוען אִין דִי סַכָּנָה, עֶר פְלֶעגְט פְּלוּצְלוּנְג שְׁפִּירְן ווִי עֶר הָאט סַיי ווִי גָארְנִישְׁט און עֶר אִיז פַארְפַאלְן, און וֶוען נִישְׁט וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט וָואלְט עֶר חַס וְשָׁלוֹם אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן מח; שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מח).

אִיךְ קֶען דִיר נָאךְ אַסַאךְ שְׁרַייבְּן, אָבֶּער אִיךְ בִּין אָפְּגֶעמַאטֶערְט.

שְׁטַארְק זִיךְ, זַיי זִיךְ מְחַיֶּה מִיט דֶעם אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, זַיי זִיךְ מְחַיֶּה אַז דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, און אַ תִּיקּוּן וֶועסְטוּ שׁוֹין יָא הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.

...

## טְרוּקְן, טוּנְקְל, קַאלְט אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

יֶעצְט וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף דִיר חֲלִישַׁת הַדַּעַת אוּן בִּלְבּוּלִים וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דוּ דֶערְהַאלְסְט זִיךְ, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע חִידוּשׁ, יֶעצְט שַׁיינְסְטוּ אוּן לַייכְסְט אִין אַלֶע עוֹלָמוֹת, דַיְקָא יֶעצְט וֶוען עֶס אִיז חוֹשֶׁךְ אֲפֵלָה, אַלֶעס אִיז טוּנְקְל, אַלֶעס אִיז קַאלְט, אוֹיסְגֶעלָאשְׁן וְכוּ׳, אוּן דוּ גֵייסְט אָן מִיט עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, יֶעצְט שָׁאקֶלְסְטוּ אַלֶע הִימְלֶען.

דוּ וֵוייסְט אַז מוֹהֲרַנַ״ת הָאט גֶעזֶען אֵיינֶער פוּן דִי תַּלְמִידִים ווִי עֶס בְּרֶענְט אִין אִים עֲבוֹדַת הַשֵּׁם וְכוּ׳, הָאט אִים מוֹהֲרַנַ״ת גֶעזָאגְט: ״יֶעצְט הָאבּ אִיךְ נָאכְנִישְׁט הֲנָאָה פוּן דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, נָאר דֶעמָאלְט וֶוען אִיךְ וֶועל דִיךְ זֶען אִין אַ קַטְנוּת הַדַּעַת אוּן דוּ וֶועסְט וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען דוּ וֶועסְט אַרָאפְּפַאלְן אוּן דוּ וֶועסְט וַוייטֶער טוּן וָואס מֶען דַארְף טוּן - דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ הֲנָאָה הָאבְּן״.

עֶס אִיז מִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען צוּ רֶעדְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דֶעם אַז מִיר זֶענֶען בְּרֶסְלֶבֶ׳עֶ חֲסִידִים דַארְפְן מִיר קֶענֶען אָנְגֵיין אִין דִי טְרוּקֶענֶע טֶעג, אִין דִי קַאלְטֶע טֶעג; אִין דִי טֶעג וָואס מֶען זֶעט נִישְׁט, וֶוען מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט אוּן וֶוען מֶען פַאלְט הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דַארְף מֶען זִיךְ אָנְהַאלְטְן אִין רֶבִּי׳ן, אַפִילוּ זוּכְן דִי גוּטֶע נְקוּדוֹת, אַרוֹיסְכַאפְּן אַפָּאר טְרוּקֶענֶע דִיבּוּרִים, נִישְׁט וַוארְטְן צוּ הָאבְּן דִי הַארְץ... נָאר טוּן לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה.

דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אִין חֵדֶר, אִיז דִי הֶעכְסְטֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

דִי וָואךְ זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי קִינְדֶער פוּן דִי עֶלְטְסְטֶע קְלַאס אִין יְשִׁיבָה, בַּיים פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַ טֵייל קִינְדֶער אָפְּגֶערֶעדְט אַז זֵיי קוּמֶען נִישְׁט אָן צַייטְלִיךְ אִין חֵדֶר וַוייל זֵייעֶר בָּאס דְרֵייוֶוער קוּמְט נִישְׁט צַייטְלִיךְ, זֵיי זָאגְן מִיר אַז דוּ זִיצְט אִין שׁוּל, דוּ לֶערְנְסְט וְכוּ׳.

ווִיל אִיךְ דִיךְ מְחַזֵק זַיין זָאלְסְט נִישְׁט לֶערְנֶען אִין דִי צַייט וֶוען מֶען דַארְף בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר, וַוייל בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אִין חֵדֶר לֶערְנֶען תּוֹרָה - אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס, עֶס אִיז מֶער פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ עֶנְדֶערְשׁ זַיין אוֹיפְן בָּאס, בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר. הֶעלְף מִיר מִיט דֶעם פְּרַט, אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן קוּמֶען צַייטְלִיךְ, גֶעבּ אַ שְׁמֵייכְל פַאר יֶעדְן קִינְד, מַאךְ פְרֵיילִיךְ, בְּלָאז אַרַיין אַ חַיּוּת אִין דִי אִידִישֶׁע נְשָׁמָה׳לֶעךְ.

גֵיי שְׁלָאפְן פְּרִי, שְׁטֵיי אוֹיף פִינְף אַזֵייגֶער; דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, מִיט דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אוּן דַאוֶונען פְּרִי, עֶס עֶפֶּעס אוּן נֶעם דֶעם בָּאס אִין צַייט וְכוּ׳.

...

## בַּיים הֶעלְפְן אַ צַדִיק דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיטְן הֶעלְפְן דִי מוֹסָד טוּסְטוּ אַ טוֹבָה פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין נְשָׁמָה, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

אִיךְ וֵוייס אַז דוּ טְרַאכְטְּסְט אַסַאךְ מָאל: ׳מַה לִי וּלְצָרָה הַזֹּאת, וָואס פֶּעלְט מִיר אוֹיס צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסָד?׳ דוּ ווִילְסְט אַוֶועק גֵיין, דוּ ווִילְסְט טְרֶעפְן אַ פַּרְנָסָה וְכוּ׳, דָאךְ זָאג אִיךְ דִיר, עֶס לוֹינְט צוּ בְּלַייבְּן הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דִי מוֹסְדוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, וַוייל בַּיים הֶעלְפְן אַ צַדִּיק דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט.

פְּרֶעג אִין אָפִּיס וָואס נָאךְ דוּ קֶענְסְט הֶעלְפְן; הֶעלְף ווִי מֶער, אוּן וֶוען דוּ הָאסְט אִיבְּרִיגֶע צַייט - זָאלְסְטוּ הַאלְטְן אִין דִי הַאנְט - אָדֶער אַ מִשְׁנַיוֹת, אָדֶער אַ תְּהִלִּים, זָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת מִיט אַ יוֹם תְּהִלִּים אוּן זָאג גְמָרָא.

אִיךְ וֵוייס אַלֶעס וָואס גֵייט אוֹיף דִיר אַרִיבֶּער, אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר.

...

## נִישְׁט גֶעבְּן דִי קְלֵיידֶער בְּחִנָּם

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת תְּרוּמָה, ב׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**אַבְרָהָם הֶערְשׁ וֶועבֶּערְמַאן נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר דַיין וַוייבּ אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פַארְן אַהֶערְשְׁטֶעלְן דִי שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער בַּאזַאר פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פַאר גָאר בִּילִיגֶע פְּרַייזְן, אוּן אוֹיךְ זָאל זִי אִיבֶּערְגֶעבְּן אַ יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע וַואלֶענְטִירְן וָואס קוּמֶען טֶעגְלִיךְ הֶעלְפְן אִין דִי קְלֵיידֶער גֶעשֶׁעפְט אַז מֶען זָאל קֶענֶען אַיינְקוֹיפְן פַאר גָאר בִּילִיג; עֶס גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַ וָואךְ וָואס אִיךְ זָאל נִישְׁט בַּאקוּמֶען יְיַשֶׁר כֹּחַ׳ס פוּן מִשְׁפָּחוֹת וָואס זָאגְן אַז זֵיי הָאבְן אַיינְגֶעקוֹיפְט קְלֵיידֶער פַאר דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה פַאר אַפָּאר דָאלֶער, עֶס אִיז גָאר אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, דִי ׳מִי שֶׁבֵּרַךְ׳ וָואס אַלֶע זָאגְן שַׁבָּת אִין שׁוּל בַּיים סֵפֶר תּוֹרָה, ׳וְכָל מִי שֶׁעוֹסְקִים בְּצָרְכֵי צִיבּוּר בֶּאֱמוּנָה׳, אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דֶעם כְּלַל, ׳הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יְשַׁלֵּם שְׂכָרָם׳, זָאל זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְן, ׳וְיָסִיר מֵהֶם כָּל מַחֲלָה׳, אוּן אַוֶועק נֶעמֶען פוּן זֵיי אַלֶע קְרֶענְק, ׳וְיִרְפָּא לְכָל גּוּפָם׳, זֵיי אוֹיסְהֵיילְן, ׳וְיִסְלַח לְכָל עֲוֹנָם׳, אוּן זֵיי פַארְגֶעבְּן, ׳וְיִשְׁלַח בְּרָכָה וְהַצְלָחָה בְּכָל מַעֲשֵׂי יְדֵיהֶם עִם כָּל יִשְׂרָאֵל אֲחֵיהֶם, וְנֹאמַר אָמֵן׳.

אִיךְ ווִיל טוּישְׁן דִי זַאךְ פוּן גֶעבְּן קְלֵיידֶער בְּחִנָּם פַאר דִי וַואלֶענְטִירְן, בְּחִנָּם אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, בְּחִנָּם אִיז כִּנִּים... אִיךְ ווִיל מַאכְן אַז דִי וַואלֶענְטִירְן זָאלְן צָאלְן הַאלְבּ פְּרַייז, אוּן אוֹיךְ זָאלְן זֵיי הָאבְּן דִין קְדִימָה וְכוּ׳, אִיךְ וֶועל רֶעדְן צוּ מִשְׁפַּחַת הֵיילְפְּרִין זָאל דָאס אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר אַלֶע מִתְנַדְּבִים.

...

## אַלֶע הַתְחָלוֹת הַיינְט זֶענֶען פוּן פּוּרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס קוּמְט שׁוֹין פּוּרִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן עד; לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכוֹת הָרֵיחַ הֲלָכָה ד, אוֹת כה), הַיינְט זֶענֶען אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פּוּרִים; וַוייל מֶען קֶען זִיךְ נָאר בַּאנַייעֶן אוֹיבּ מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, דוּרְךְ שִׂמְחָה קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹיפִיל גֶערֶעדְט צוּ אוּנְז פוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, וַוייל דָאס עֶפְנְט אוֹיף אַלֶע הֵיכָלוֹת, מֶען קוּמְט אָן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע פְּלֶעצֶער.

עֶס אִיז נָאךְ דָא אַ וָואךְ צוּ פּוּרִים, לֶערְן דוּרְךְ מַסֶּכֶת מְגִילָּה אֲפִילוּ בְּגִירְסָא, עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דִי פּוּרִים אוּן דִי קְרִיאַת הַמְגִילָּה נָאכְן לֶערְנֶען מַסֶּכֶת מְגִילָּה, מֶען הֵייבְּט אָן זֶען אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא, נִישְׁטָא קֵיין טֶבַע, נִישְׁטָא קֵיין מִקְרֶה, נִישְׁטָא קֵיין מַזָל, נָאר אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן עֶס אִיז דָא נָאר אֵיין עֵצָה, תְּפִלָּה; טוּן וָואס מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק וְאֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה הָאבְּן גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז אִין יֶעדֶע צָרָה זָאל מֶען ווִיסְן אַז עֶס אִיז דָא נָאר דִי אֵיין עֵצָה פוּן שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן עֶר זָאל הֶעלְפְן.

דִי נֵס פּוּרִים אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע נִיסִים; דִי נִיסִים אִין מִצְרַיִם, דִי מַכּוֹת, קְרִיעַת יַם סוּף, אַזוֹי אוֹיךְ דִי נִיסִים בַּיי מַתַּן תּוֹרָה, אוּן

שְׁפֶּעטֶער בַּיי יְהוֹשֻׁעַ בִּן נוּן וָואס הָאט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דִי זוּן, דָנִיֵּאל אִין לֵייבְּן גְרוּב, חֲנַנְיָא מִישָׁאֵל וַעֲזַרְיָ' אִין קַאלֶעךְ אוֹיוְון - דִי אַלֶע זַאכְן זֶענֶען גֶעוֶועְן אַרוֹיס פוּן דִי טֶבַע, און עֶס אִיז גֶעוֶועְן אִין יֶענֶע צַייט; אַנְדֶערְשׁ אִיז דִי נֵס פוּן פוּרִים, וָואס אַלֶעס אִיז גֶעוֶועְן אִין דִי טֶבַע, אַ לַאנְגֶע מַעֲשֶׂה, פוּן אָנְהֵייבּ בִּיזְן סוֹף, אַלֶעס זֶעט אוֹיס טֶבַע, אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, וַשְׁתִּי, אֶסְתֵּר, און גְרוֹיס מַאכְן הָמָן וְכוּ' וְכוּ', און אַז מֶען קוּקְט זִיךְ גוּט צוּ זֶעט מֶען אַז אַלֶעס אִיז הַשְׁגָּחָתוֹ יִתְבָּרַךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דִי הֵיילִיגֶע מִינוּטְן בַּיים מְגִילָה לֵיינֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

פוּרִים בַּיינַאכְט בַּיים לֵיינֶען דִי מְגִילָה זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי הֵיילִיגֶע מִינוּטְן, און וֶוען דֶער בַּעַל קוֹרֵא גְרֵייט זִיךְ אָנְצוּהֵייבְּן דִי מְגִילָה - זָאלְסְטוּ זָאגְן אַ שְׁטִילֶע קוּרְצֶע תְּפִלָּה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

**"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, יֶעצְט וֶוען מֶען גֵייט לֵיינֶען דִי מְגִילָה זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל קֶענֶען יוֹצֵא זַיין דִי מִצְוָה, הֶערְן יֶעדֶעס וָוארְט, און זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַלֶע הֵיילִיגְקֵייטְן וָואס קוּמֶען אַרָאפּ אוֹיף דִי וֶועלְט בַּיים לֵיינֶען דִי מְגִילָה".**

און בַּיים אוֹיסְהֶערְן דִי מְגִילָה זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף חֲבֵרִים וְכוּ', נָאכְן מְגִילָה לֵיינֶען קֶען מֶען אַלֶעס עֶרְלֶעדִיגְן, יֶעצְט קוּקְט מֶען נָאר אִין דִי מְגִילָה אָדֶער אִינֶעם חוּמָשׁ, און אוֹיךְ בַּיים קְלַאפְּן "הָמָן" זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן קֵיין לֵיצָנוּת פוּן דִי מְגִילָה, נִישְׁט אַרוּמְלַאכְן; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָה ד:): "עֵינֵיהֶם שֶׁל עֲנִיִּים נְשׂוּאוֹת לְמִקְרָא מְגִילָה", דִי אוֹיגְן פוּן דִי אָרֶעמֶעלַייט קוּקְן אַרוֹיס און וַוארְטְן וֶוען וֶועט מֶען שׁוֹין לֵיינֶען דִי מְגִילָה צוּ בַּאקוּמֶען מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים; צַדִּיקִים טַייטְשְׁן, דָאס

מֵיינְט מֶען אוּנְז, וָואס מִיר זֶענֶען עֲנִיִּים בְּדַעַת, יֶעדֶער אֵיינֶער אִין זַיינֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן בַּיים מְגִילָה לֵיינֶען אִיז מֶען זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן דִי אַלֶע אָרֶעמְקֵייטְן.

ווארוּל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי צַייט צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס עֶר דַארְף, וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען גוּטֶע מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, עֶר וֶועט וֶוערְן אוֹיס אָרֶעם, עֶר וֶועט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

...

## נִישְׁט טְרִינְקֶען דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פּוּרִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ה׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

לֵיל פּוּרִים - נָאכְן הֶערְן דִי מְגִילָה אִיז נִישְׁטָא קֵיין מִצְוָה צוּ טְרִינְקֶען וַויין, אוֹיךְ אִיז עֶס נִישְׁט אַ גוּטֶע זַאךְ, וַוייל אַז מֶען טְרִינְקְט זִיךְ אָן דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פַארְלִירְט מֶען דֶעם גַאנְצְן פּוּרִים, מֶען קֶען פַארְפַּאסְן צוּ הֶערְן דִי מְגִילָה אִינְדֶערְפְרִי, אוּן נָאךְ אַסַאךְ מִצְווֹת; דֶערִיבֶּער גֶעבּ אִיךְ דִיר אַ גוּטֶע עֵצָה, נָאכְן הֶערְן דִי מְגִילָה זָאלְסְטוּ אוֹיסְפַּאסְטְן, אוּן וַואשׁ זִיךְ צוּ אַ סְעוּדָה, אוֹיךְ קֶענְסְטוּ אַבִּיסְל אַרוּמְגֵיין אִין הַייזֶער צַאמֶענְעמֶען צְדָקָה, לֵיין קְרִיאַת שְׁמַע, גְרֵייט זִיךְ אָן נֶעגְל וַואסֶער אוּן לֵייג זִיךְ שְׁלָאפְן; אַזוֹי וֶועסְטוּ קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֵיין פּוּרִים אִין צַייט, גֵיין אִין מִקְוֶה אוּן לֶערְנֶען דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ״י, מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא וְכוּ׳.

וֶוען דוּ לֵייגְסְט זִיךְ שְׁלָאפְן זָאלְסְטוּ אַיינְשְׁלָאפְן מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, נֶעם נִישְׁט דִי טֶעלֶעפָאן אִין בֶּעט, שְׁלָאף אַיין מִיט תְּפִילוֹת, שְׁלָאף אַיין מִיט וִידּוּי דְבָרִים, זָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן:

**״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם גֶעבּ מִיר מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אוּן מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים, גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי אַלֵיין, אַזוֹי עֶלֶנְד, גֶעבּ מִיר אַ שִׁידוּךְ...״**

קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי חָשׁוּב אוּן טַייעֶר דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען

בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּפְרַט אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג ווִי פּוּרִים וֶועסְטוּ זִיכֶער גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט אַ שִׁידוּךְ.

...

## פּוּרִים קֶען מֶען פּוֹעֵל'ן גְרוֹיסֶע זַאכְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

פּוּרִים אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע טָאג, וָואס מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פּוּרִים - בַּאקוּמְט מֶען. צַדִּיקִים טַייטְשְׁן דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי מְגִילָּה א, ד): "כָּל הַפּוֹשֵׁט יַד נוֹתְנִים לוֹ", יֶעדֶער וָואס שְׁטְרֶעקְט אוֹיס זַיינֶע הֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּפִלָּה וְתַחֲנוּנִים - 'נוֹתְנִים לוֹ', גֶעבְּט מֶען אִים זַיינֶע בַּקָשׁוֹת; זָאלְסְטוּ אוֹיפְשְׁטֵיין פְּרִי אוּן זָאגְן תְּהִלִּים, אַז דוּ קֶענְסְט אוֹיסְזָאגְן גַאנְץ תְּהִלִּים פַּארְן דַאוֶונֶען - מַה טוֹב וּמַה נָּעִים, אוּן אַז נִישְׁט - זָאלְסְטוּ זָאגְן אַבִּיסֶל תְּהִלִּים; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְנָחוֹת קי.): "אֶחָד הַמַּרְבֶּה וְאֶחָד הַמַּמְעִיט, וּבִלְבַד שֶׁיְּכַוֵּן אָדָם אֶת דַּעְתּוֹ לַשָּׁמַיִם", סַיי דֶער וָואס פַּארְמֶערְט, אוּן סַיי דֶער וָואס קֶען נָאר טוּן וֵוייניג - זֶענֶען בֵּיידֶע חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן וֶוען דוּ זָאגְסְט תְּהִלִּים זָאלְסְטוּ אַרַיינְפְלֶעכְטְן דַיינֶע אֵייגֶענֶע תְּפִילוֹת וּבַקָּשׁוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶעד זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִישׁ, אוֹיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, בֶּעט אִים דוּ זָאלְסְט טְרֶעפְן דַיין שִׁידוּךְ, וַויין זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ מוּז שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְן, אִיךְ ווִיל זַיין הֵיילִיג אוּן רֵיין, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין פַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, אִיךְ טוּ תְּשׁוּבָה, אִיךְ ווִיל נִישְׁט טוּן קֵיין שְׁלֶעכְטְס, וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן, ווִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִּיר פַאל אִיךְ וַוייטֶער, אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבּ מִיר מַיין שִׁידוּךְ".

...

## דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ אִיז מְגִילָה לֵיינֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

פּוּרִים אִינְדֶערְפְרִי נָאךְ שַׁחֲרִית לֵיינְט מֶען נָאכְאַמָאל דִי מְגִילָה, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָה ד.): ״חַיָּיב אָדָם לִקְרוֹת אֶת הַמְגִילָה בַּלַּיְלָה וּלְשַׁנּוֹתָהּ בַּיּוֹם״, מֶען אִיז מְחוּיָב צוּ לֵיינֶען דִי מְגִילָה פּוּרִים בַּיינַאכְט אוּן נָאכְאַמָאל אִינְדֶערְפְרִי; בַּיים לֵיינֶען דִי מְגִילָה קֶען מֶען פּוֹעֵל׳ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת, דִי ׳גַן עֵדֶן׳ עֶפְנֶט זִיךְ אוֹיף, אוּן דִי גְרֶעסְטֶע יְשׁוּעָה אִיז - דָאס ווֶערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

טוּ נִישְׁט קֵיין שׁוּם זַאךְ אֵיידֶער דוּ הֶערְסְט מְגִילָה לֵיינֶען, אוּן אַז דוּ בִּיסְט אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען שְׁפֶּעט אוּן דַיינֶע חֲבֵרִים גֵיין שׁוֹין אַרוּם בַּיי דִי הַייזֶער מִיט דִי בָּאס... מִיט דִי מוּזִיק... דוּ ווִילְסְט נִישְׁט פַארְפַּאסְן - זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין צוּ זֵיי אֵיידֶער דוּ הֶערְסְט מְגִילָה לֵיינֶען.

צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט: ״עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ לֶעבְּן זִיבֶּעצִיג יָאר אוּן אַרִיבֶּערְגֵיין וָואס מֶען גֵייט אַרִיבֶּער, אַבִּי זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן אֵיין מָאל מְגִילָה לֵיינֶען״; זָאלְסְטוּ פּוּרִים אִינְדֶערְפְרִי פַארְלֶעשְׁן דַיין טֶעלֶעפָאן, גֵיי נִישְׁט צוּ דִי גְרוּפּ נָאר נָאכְן דַאווֶענֶען, נָאכְן לֵייגְן תְּפִילִין אוּן נָאכְן הֶערְן דִי מְגִילָה, ווֶעסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ מַצְלִיחַ זַיין.

...

## פּוּרִים, אַ צַייט זִיךְ אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

פּוּרִים אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ נָאכְן דַאווֶענֶען זָאלְסְטוּ זֶען צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוָה פוּן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אִישׁ לְרֵעֵהוּ אוּן דִי מִצְוָה פוּן מַתָּנוֹת לָאֶבְיוֹנִים.

גֶעבּ פַאר דַיינֶע עֶלְטֶערְן מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, פּוּרִים אִיז אַ גוּטֶע צַייט צוּ מַאכְן שָׁלוֹם מִיטְן שִׁיקְן אַ מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת, שָׁלוֹם מַאכְן מִיט מִשְׁפָּחָה, שְׁכֵנִים אוּן

חֲבֵרִים וָואס מֶען הָאט זִיךְ אִינְמִיטְן יָאר פַּארְטְשֶׁעפֶּעט, עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין קֵיין טַייעֶרֶע זַאכְן, דֶער עִיקָר אִיז דִי הַארְץ, און מִיט דֶעם מֶעקְט מֶען אוֹיס עֲמָלֵק. וַוייל הָמָן און עֲמָלֵק ווילְן נָאר מַאכְן פֵּירוּד לְבָבוֹת, זֵיי וִוילְן נָאר מְקַטְרֵג זַיין אֵיינֶער אוֹיפְן צְוֵוייטְן און מִיט דֶעם וָואס מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן מַחֲלֹקֶת און מֶען זוּכְט ווי מֶער צוּ פַארְמֶערְן שָׁלוֹם און לִיבְּשַׁאפְט - אִיז מֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוָה פוּן אוֹיסְמֶעקְן הָמָן עֲמָלֵק; דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט דַיין מִשְׁפָּחָה, שְׁכֵנִים און חֲבֵרִים, און זִיכֶער מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן; זָאלְסְט זֵיי אַרוּמְנֶעמֶען און זֵיי אִיבֶּערְבֶּעטְן, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ פּוֹעֵל'ן דַיין יְשׁוּעָה.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, הַיינְט פּוּרִים אִיז אַ גוּטֶע צַייט זָאלְסְט זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט דַיינֶע עֶלְטֶערְן, נִישְׁטָא קֵיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ ווי מְכַבֵּד זַיין עֶלְטֶערְן און מַאכְן אַ נַחַת רוּחַ פַאר עֶלְטֶערְן, און אוֹיךְ וֶוען עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער, מֶען הָאט עֶלְטֶערְן וָואס אִיז שְׁוֶוער צוּ זַיין מִיט זֵיי וְכוּ' - אִיז נָאךְ מֶער חָשׁוּב דִי מִצְוָה, אַזוֹי ווי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, כג): "לְפוּם צַעֲרָא אַגְרָא"; זָאלְסְטוּ הַיינְט אִינֶעם הֵיילִיגְן טָאג פּוּרִים זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן מִיט זֵיי, גֵיי אַרוֹיף צוּ זֵיי, בְּרֶענְג זֵיי מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת און בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיר מוֹחֵל זַיין און דִיר גֶעבְּן אַלֶע דַיינֶע בַּקָּשׁוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אַ שִׁכּוֹר נֶעמְט אַרוּם אַ חָבֵר מִיט לִיבְּשַׁאפְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

אַז דוּ ווילְסְט וִויסְן וֶוער עֶס אִיז אַן אֱמֶת'עֶר שִׁיכּוֹר, קוּק זִיךְ אַרוּם פּוּרִים; דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען פְרֵיילִיךְ צוּ אַ צְוֵוייטְן אִיד דִי זֶענֶען אֱמֶתְ'עֶ שִׁכּוֹרִים, אָבֶּער דִי וָואס שְׁלָאגְן און טוּעֶן וֵויי אַנְדֶערֶע - דִי זֶענֶען נִישְׁט שִׁיכּוֹר, דִי זֶענֶען גֶעמַאכְטֶע שִׁכּוֹרִים, וַוייל דֶער וָואס שְׁלָאגְט - אִיז נִישְׁט קֵיין שִׁיכּוֹר, דֶער וָואס שְׁלָאגְט אִיז אַ שֵׁגֶץ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סַנְהֶדְרִין נח:):

"הַסּוֹטֵר לוֹעוֹ שֶׁל יִשְׂרָאֵל כְּאִילוּ סוֹטֵר לוֹעוֹ שֶׁל שְׁכִינָה", דֶער וָואס שְׁלָאגְט אַ צְוֵוייטְן אִיד, אִיז דָאס כְּאִילוּ עֶר שְׁלָאגְט כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ שִׁיכּוֹר שְׁלָאגְט נִישְׁט, אַ שִׁיכּוֹר נֶעמְט אַרוּם אַ חַבֵר מִיט לִיבְּשַׁאפְט, עֶר פְּרֵייט זִיךְ צוּ אַ צְוֵוייטְן אִיד, אָדֶער וֵויינְט עֶר זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וְכוּ', אָבֶּער דִי וָואס שְׁלָאגְן אוּן ווילְדֶעוֶוען - דִי זֶענֶען בְּדֶרֶךְ כְּלַל נִישְׁט שִׁיכּוֹר, זֵיי הָאבְּן חֶשְׁבּוֹנוֹת מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם, זֵיי וָואלְטְן אַ גַאנְץ יָאר גֶעוָואלְט שְׁלָאגְן, זֵיי הָאבְּן מוֹרָא אַז מֶען וֶועט זֵיי צוּרִיק טוּן, וַוארְטְן זֵיי אוֹיף אַ צַייט וָואס זֵיי וֶועלְן זִיךְ מַאכְן שִׁיכּוֹר.

דֶערְפַאר זָאלְסְטוּ זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג ווִי פּוּרִים נִישְׁט צוּ הָאבְּן צוּטוּן מִיט ווילְדֶע זַאכְן; דוּ זָאלְסְט נָאר זֶען וִוי דוּ קֶענְסְט פְּרֵיילִיךְ מַאכְן אַ צְוֵוייטְן אִיד אוּן טוּן אַ טוֹבָה פַאר אַ אִיד.

...

## טְרִינְק אַפָּאר גְלֶעזְלֶעךְ וַויין אוּן טַאנְץ אוּן שְׁפְּרִינְג

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

פּוּרִים אִיז אַ מִצְוָה צוּ טְרִינְקֶען וַויין, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה ז:): "חַיָּיב אִינִישׁ לִבְסוּמֵי בְּפוּרַיָּא", מֶען דַארְף טְרִינְקֶען פּוּרִים וַויין, "עַד דְּלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי"; אָבֶּער וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דָאס מֵיינְט נִישְׁט מֶען זָאל טְרִינְקֶען בִּיז מֶען וֶוערְט שִׁיכּוֹר ווִי לוֹט, מֶען זָאל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן אוֹיס, לִיגְן אוֹיפְן גַאס אָנְגֶעבְּרָאכְן וְכוּ', אוּן פַארְפַאסְן בֶּענְטְשְׁן אוּן דַאוֶוענֶען הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ, דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין מִצְוָה, דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, טְרִינְק צְוֵויי דְרַיי גְלֶעזְלֶעךְ וַויין אוּן טַאנְץ אוּן שְׁפְּרִינְג; וֶועט זִיךְ דַיין קָאפּ אַבִּיסְל אָנְהֵייבְּן דְרֵייעֶן, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ הָאבְּן יוֹצֵא גֶעוֶוען דִי מִצְוָה, אָבֶּער נִישְׁט מֶער פוּן דֶעם.

אוֹיךְ אִיז כְּדַאי זָאלְסְט עֶרְשְׁט דַאוֶוענֶען מִנְחָה, אוּן נָאכְמִיטָאג זָאלְסְטוּ

זִיךְ וַואשְׁן צוּ אַ סְעוּדָה אוּן אַבִּיסְל טְרִינְקֶען, אוּן דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן, בִּיז דוּ וֶועסְט וֶוערְן זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אוּן דוּ וֶועסְט וִויסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; אַז עֶס גֵייט גוּט - אִיז עֶס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן אַז חָלִילָה פַארְקֶערְט - אִיז עֶס אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אִיז דִי זַאךְ פוּן 'עַד דְּלֹא יָדַע בֵּין אָרוּר הָמָן לְבָרוּךְ מָרְדְּכַי', סַיי עֶס אִיז גוּט - בָּרוּךְ מָרְדְּכַי, סַיי עֶס אִיז שְׁלֶעכְט - אָרוּר הָמָן - וֵוייס אִיךְ אַז עֶס אִיז נָאר לְטוֹבָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נִישְׁט קֵיין שְׁלֶעכְטְס, אַלֶעס אִיז פַאר מַיין תִּיקוּן הַנִּצְחִי, מִיךְ צוּ מְתַקֵּן זַיין.

...

## אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן גֶעמִישְׁטֶע טְרִינְקֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס דוּ טְרִינְקְסְט אוּן פוּן וֶועם דוּ טְרִינְקְסְט, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מִישְׁן אוֹיס אַלְקָאהָאל מִיט זִיסֶע גֶעטְרַאנְקֶען, אוּן וֶוען דִי בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט גֵייעֶן אַרוּם בַּיי דִי שְׁטִיבֶּער פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן צַאמֶנְעמֶען צְדָקָה גֶעבְּט מֶען זֵיי פוּן דִי גֶעמִישְׁטֶע טְרִינְקֶען, אוּן דָאס קֶען צוּבְּרֶענְגֶען צוּ גְרוֹיסֶע סַכָּנוֹת, אוּן אוֹיךְ אִיז דָא וָואס מִישְׁן אַרַיין שֶׁעדְלִיכֶע זַאכְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט נִישְׁט נֶעמֶען פוּן קֵיינֶעם קֵיין טְרִינְקֶען, בִּפְרַט אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעטְרִינְקֶען וַויין אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ טְרִינְקֶען גֶעמִישְׁטֶע טְרִינְקֶען פוּן בְּרוֹינְפְּן, אוּן אַז דוּ בִּיסְט דוּרְשְׁטִיג זָאלְסְטוּ נָאר טְרִינְקֶען וָואס דוּ בִּיסְט זִיכֶער אַז וָואס דוּ טְרִינְקְסְט אִיז נִישְׁט קֵיין סַכָּנָה; וַוייל אֲפִילוּ פּוּרִים וָואס אִיז דָא אַ מִצְוָה פוּן טְרִינְקֶען וַויין אִיז אוֹיךְ דָא דִי מִצְוָה פוּן (דְּבָרִים ד, טו): "וְנִשְׁמַרְתֶּם מְאֹד לְנַפְשֹׁתֵיכֶם", אוּן וֶוען דוּ טַאנְצְט אוּן דוּ שְׁפְּרִינְגְסְט - זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וִויסְן פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק, פוּנֶעם צַדִּיק אֱמֶת וָואס לֶערְנְט אוּנְז דִי רֵיינֶע

אֱמוּנָה, מִיר זָאלְן וִויסְן און גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא קֵיין טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָּל, עֶס אִיז נָאר דָא דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וָואס בַּאהַאלְט זִיךְ אִין יֶעדֶע זַאךְ.

...

## בַּיים טַאנְצְן זָאלְסְטוּ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן שְׁטִילֶערְהֵייט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה׳ אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

פּוּרִים אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע טָאג, מֶען קֶען פּוֹעֶל׳ן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף, וִויל אִיךְ דִיךְ מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט אוֹיסְנִיצְן דִי טָאג מִיט קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אוֹיסְנִיצְן דִי טָאג מִיט תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, וֶוען דוּ טַאנְצְט און שְׁפְּרִינְגְסט - זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט מִתְבּוֹדֵד זַיין, שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: ״**צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ**״, מַיינֶע צָרוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, ״**מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי**״, בַּאשֶׁעפֶער זִיסֶער הֶעלְף מִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין פְּלָאנְטֶער.

עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַ אִיד ר׳ מֵאִיר טֶעפְּלִיקֶער, עֶר פְלֶעגְט מַאכְן בַּיי זִיךְ אִין שְׁטוּב פּוּרִים נָאכְמִיטָאג אַ סְעוּדָה, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֶענֶען זִיךְ צַאמְגֶעקוּמֶען, מֶען הָאט גֶעגֶעסְן, גֶעטְרִינְקֶען און גֶעטַאנְצְן, אֵיין יָאר פּוּרִים זֶעט ר׳ מֵאִיר וִוי אֵיינֶער זִיצְט אִין דֶער זַייט און וֵויינְט, בִּשְׁעַת אַלֶע טַאנְצְן זִיצְט עֶר דָארְט אִין אַ מָרָה שְׁחוֹרָה, ר׳ מֵאִיר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט סוֹבֵל זַיין. עֶר גֵייט צוּ צוּ אִים און פְרֶעגְט אִים: ״זָאגְט מִיר וָואס גֵייט פָּאר? הַיינְט אִיז פּוּרִים, אַלֶע טַאנְצְן, אַלֶע זֶענֶען פְרֵיילִיךְ, פַארְוָואס טַאנְצְט אִיר נִישְׁט מִיטְן גַאנְצְן עוֹלָם?!״ דֶער אִיד הֵייבְּט אָן קְרֶעכְצְן: ״וִוי קֶען אִיךְ טַאנְצְן וֶוען אִיךְ הָאבּ אַ צִבְיָ׳ אוֹיפְן קָאפּ? אִיךְ הָאבּ אַ טָאכְטֶער, זִי אִיז שׁוֹין עֶלְטֶער, זִי דַארְף אַ שִׁידוּךְ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין גֶעלְט אִיר חֲתוּנָה צוּ מַאכְן, קֵיינֶער ווִיל זִיךְ נִישְׁט מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט מִיר, דִי טָאכְטֶער צִבְיָ׳ דְרִיקְט מִיר אוֹיף מַיין מֹחַ, אִיךְ הֶער נִישְׁט אוֹיף טְרַאכְטְן פוּן מַיין צָרָה״, ר׳ מֵאִיר זָאגְט אִים: ״אִיר הָאט

טַאקֶע אַ גְרוֹיסֶע פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶער אִיז דָאס דֶען דִי עֵצָה? זִיצְן פַארְבִּיטֶערְט אִיז אַן עֵצָה?! דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַז מֶען הָאט אַ צָרָה - שְׁרֵייט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט, אַז עֶס דְרוּקְט אוֹיפְן הַארְץ - גִיסְט מֶען זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט טַאנְצְן מִיט מִיר, אִיךְ וֶועל אַייךְ וַוייזְן וָואס אִיר זָאלְט טוּן מִיט צִבְיָ', אִיךְ וֶועל זָאגְן וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיר וֶועט מִיךְ נָאךְ זָאגְן", ר' מֵאִיר הֵייבְּט אָן זָאגְן דֶעם פָּסוּק: "צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ", מַיינֶע צָרוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, "מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי", בַּאשֶׁעפֶער זִיסֶער הֶעלְף מִיךְ, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין פְּלָאנְטֶער"; ר' מֵאִיר זָאגְט אִים: "זָאגְט מִיךְ נָאךְ"; דֶער אִיד הָאט נָאכְגֶעזָאגְט אוּן זֵיי הָאבְן אָנְגֶעהוֹיבְן טַאנְצְן, בִּיז דֶער אִיד אִיז זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גֶעוָוארְן, עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט צִבְיָ' אִין זַיין קָאפּ, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּירְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאךְ פּוּרִים אִיז גֶעשֶׁען אַ גְרוֹיסֶע נֵס, זִי אִיז אַ כַּלָּה גֶעוָוארְן אוּן חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּב.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, בַּיים טַאנְצְן זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁרֵיי: "צָרוֹת לְבָבִי הִרְחִיבוּ", מַיינֶע צָרוֹת זֶענֶען אַזוֹי שְׁטַארְק, "מִמְּצוּקוֹתַי הוֹצִיאֵנִי", בַּאשֶׁעפֶער זִיסֶער הֶעלְף מִיר, נֶעם מִיךְ אַרוֹיס פוּן מַיין פְּלָאנְטֶער, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְפְּלָאנְטֶערְט בַּיים יֵצֶר הָרָע, עֶר פַּיינִיגְט מִיךְ מִיט שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ, רַאטֶעוֶוע מִיךְ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פְרֵיילִיכֶע פּוּרִים, מִיט אַן עֶרְלִיכֶע מוֹיל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

פּוּרִים - וֶוען דוּ גֵייסְט אַרוּם מִיט דִי חֲבֵרִים בַּיי הַייזֶער מְשַׂמֵּחַ זַיין אוּן צַאמְנֶעמֶען צְדָקָה זָאלְסְטוּ זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן רֶעדְן אוּן הֶערְן נִיבּוּל פֶּה, וַוייל לֵיידֶער זֶענֶען דָא בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זֵיי מֵיינֶען

אַז פּוּרִים וָואס אִיז אַ טָאג וָואס מֶען שִׁיכּוֹר'ט, קֶען מֶען רֶעדְן שְׁמוּצִיג; זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר הִיטְן פוּן רֶעדְן אוּן הֶערְן נִיבּוּל פֶּה, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לג.): "בַּעֲוֹן נִבּוּל פֶּה", דוּרְךְ דִי עֲבֵירָה פוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, "צָרוֹת וּגְזֵרוֹת מִתְחַדְּשׁוֹת", קוּמֶען גֶעפֶערְלִיכֶע צָרוֹת הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ; בִּפְרַט אִין אַזַא הֵיילִיגֶע טָאג וִוי פּוּרִים, וָואס אִיז נָאךְ הֵיילִיגֶער פוּן יוֹם כִּפּוּרִים, וַוייל דֶער זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּיקוּנֵי זוֹהַר תִּיקוּן כא, דַף נז:) יוֹם כִּפּוּרִים אִיז אַזוֹי וִוי פּוּרִים.

זָאלְסְט גֵיין מִיט עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים, גֵייט אִין דִי הַייזֶער מִיט שִׂמְחָה, טַאנְצְט אוּן שְׁפְּרִינְגְט אוּן מַאכְט אַלֶעמֶען פְרֵיילִיךְ, אָבֶער אַז דוּ הֶערְסְט רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה - זָאלְסְטוּ אַנְטְלוֹיפְן וִוי מֶען אַנְטְלוֹיפְט פוּן פַייעֶר; וַוייל אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען רֶעדְט נִישְׁט נִיבּוּל פֶּה, נָאר מֶען הֶערְט נִיבּוּל פֶּה - אִיז זֵייעֶר גֶעפֶערְלִיךְ, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה חֵלֶק א, סִימָן ד): "גַּם לַשּׁוֹמֵעַ וְשׁוֹתֵק", אוֹיךְ דֶער וָואס הֶערְט רֶעדְן שְׁמוּצִיג אוּן שְׁוַוייגְט - בְּרֶענְגְט אוֹיף זִיךְ אַלֶע צָרוֹת.

...

## פּוּרִים מִיט קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ה' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**... נֵרוֹ יָאִיר**

פּוּרִים אִיז זֵייעֶר אַ הֵיילִיגֶע טָאג, מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַסַאךְ קְדוּשָּׁה וְטָהֳרָה, דֶערִיבֶּער ווִיל אִיךְ דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זַיין הֵיילִיג אוּן זִיךְ פִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן אַז דוּ גֵייסְט בַּיי דִי שְׁטִיבֶּער פְרֵיילִיךְ מַאכְן אוּן צַאמֶענְעמֶען צְדָקָה - זָאל דָאס זַיין בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה, עֶס מוּז זַיין אָפְּגֶעטֵיילְט דִי מֶענֶער מִיט דִי פְרוֹיעֶן, אוּן אַז דוּ קוּמְסְט אִין אַ שְׁטוּבּ אוּן עֶס אִיז דָארְט לֵיידֶער דָא תַּעֲרוּבוֹת, מֶענֶער מִיט פְרוֹיעֶן, זָאלְסְטוּ אַוֶועק גֵיין פוּן דָארְט, זָאלְסְט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זַיין דָארְט.

דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים כג, טו): "וְלֹא יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ",

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט כִּבְיָכוֹל אַוֶועק פוּן אַ שְׁטוּבּ וָואס עֶס דָא דָארְט תַּעֲרוּבוֹת, אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט דָארְט - אִיז דִי טוּמְאָה דָארְט, דִי קְלִיפּוֹת אוּן דִי סִטְרָא אַחֲרָא זֶענֶען דָארְט.

לוֹיף אַוֶועק פוּן אַזֶעלְכֶע פְּלֶעצֶער, עֶס לוֹינְט נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן אַלֶע קְדֻשּׁוֹת אוּן אַלֶע טָהֳרוֹת וָואס דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶועןצוּ מְקַבֵּל זַיין בַּיי דִי מְגִילָה אוּן פוּן דִי מִצְווֹת הַיוֹם.

אִיךְ בֶּעט דִיר לִיבֶּער בְּרוּדֶער, גֵיי נָאר אִין שְׁטִיבֶּער אוּן אִין זַאלְן וָואס אִיז אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט דִי מֶענֶער מִיט דִי פְרוֹיעֶן, אוּן אֲפִילוּ מֶען וִויל דִיר גֶעבְּן גְרוֹיס גֶעלְט - זָאלְסְטוּ נִישְׁט גֵיין בַּיי פְּלֶעצֶער וואוּ עֶס אִיז דָא תַּעֲרוּבוֹת, (מִשְׁלֵי א, טו): "בְּנִי, אַל תֵּלֵךְ בְּדֶרֶךְ אִתָּם", מַיין קִינְד גֵיי נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶר וֶועג, "מְנַע רַגְלְךָ מִנְּתִיבָתָם", גֵיי נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶרֶע וֶועגְן.

...

## רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן הָמָן אוּן פוּן עֲמָלֵק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס קוּמְט פּוּרִים, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ מַמְתִּיק זַיין אַלֶע דִינִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן י), דוּרְךְ טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן וֶוערְן נִמְתָּק אַלֶע דִינִים; וַוייל וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ, מֶען נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר וִוי דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱלֹקוּת, אַלֶעס אִיז אֵייבֶּערְשְׁטֶער, קֵיין שוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיין אָדֶער פוּן אַ טָעוּת חַס וְשָׁלוֹם, אַלֶעס אִיז מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן - דֶעמָאלְט וֶוערְן בָּטֵל אַלֶע דִינִים, וַוייל דָאס אַלֵיינְס אִיז דִינִים; דָאס פַארְגֶעסְן פוּן אֱמוּנָה - אִיז דִינִים, דָאס בְּרֶענְגְט אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

עֶס קוּמְט פּוּרִים, וִוי אַזוֹי גְרֵייט מֶען זִיךְ אוֹיף אַזַא הֵיילִיגֶע יוֹם טוֹב? דוּרְךְ שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן הָמָן אוּן פוּן עֲמָלֵק, רַאטֶעוֶוע מִיךְ פוּן זֵייעֶר טוּמְאָה, זֵיי ווִילְן מִיךְ אַוֶועק נֶעמֶען

**פוּן אֱמוּנָה, זֵיי ווִילְן מִיךְ מְטַמֵּא זַיין מִיט טֶבַע, מִקְרֶה, מַזָל, אוּן מִיט נִיאוּף, טַאטֶע רַאטֶעוֶוע מִיךְ" וְכוּ' וְכוּ'.**

יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמֶען אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע טֶעג אִיז אַ צַייט זִיךְ צוּ בַּאנֵייעֶן אִין לִימּוּד הַתּוֹרָה. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת פח.): "הָדוּר קַבְּלוּהָ", דִי אִידְן הָאבְּן נָאכְאַמָאל מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי תּוֹרָה בִּימֵי מָרְדְּכַי מִיט לִיבְּשַׁאפְט; אִיז יֶעצְט אַ גוּטֶע צַייט צוּרִיק אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), צוּ לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִין דִי בַּאהֶעלְטֶענִישׁ, אִיז דָא דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת תְּצַוֶּה, ז' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

עֶס קוּמְט פּוּרִים, מֶען גֵייט זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן דִי מְגִילָּה; צַדִּיקִים זָאגְן, עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ קוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן לַיידְן וָואס מֶען לַיידְט - אַבִּי זוֹכֶה זַיין צוּ הֶערְן אֵיין מָאל אִין לֶעבְּן דִי מְגִילָּה.

צַדִּיקִים זָאגְן, 'מְגִלַּת' אֶסְתֵּר, עֶס וֶוערְט אַנְטְפְּלֶעקְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בַּאהַאלְטְן אִין יֶעדֶע זַאךְ, וַוייל אַז מֶען לֵייגְט צוּ דִי אוֹיעֶרְן צוּ דִי מְגִילָּה פוּן אָנְהֵייבּ הֶערְט זִיךְ עֶס ווִי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶע מַעֲשֶׂה; אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ מַאכְט אַ סְעוּדָה אוּן עֶר רוּפְט וַשְׁתִּי וְכוּ', עֶר הַרְג'עֶט אִיר, עֶר זוּכְט אַ וַוייבּ, אֶסְתֵּר וֶוערְט פַארְכַאפְּט, אַ מַעֲשֶׂה מִיט בִּגְתָן וָתֶרֶשׁ וְכוּ' וְכוּ', אוּן מֶען זֶעט ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בַּאהַאלְטְן אִין דִי מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס וֶועקְט אוּנְז אוֹיף מִיר זָאלְן זִיךְ עֶרְוֶועקְן אוּן ווִיסְן אַז אוֹיךְ אִין אוּנְזֶער טָאג טֶעגְלִיכֶע לֶעבְּן, אִין אוּנְזֶער לֶעבְּנ'ס גֶעשִׁיכְטֶע - אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

בְּרוּדֶער וֶועק זִיךְ אוֹיף, הֵייבּ אָן הֶערְן דִי קוֹל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס אִיז אוּנְז מְגַלֶּה אַז אֲפִילוּ בְּהַסְתָּרָה נִמְצָא הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אַז אִין דִי בַּאהֶעלְטֶענִישׁ

אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נו), דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס מִיר זָאלְן זִיךְ וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל דִיךְ זֶען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם בַּאהַאלְט זִיךְ נִישְׁט פוּן מִיר, אִיךְ וִויל זַיין נָאנְט צוּ דִיר"** (שָׁם חֵלֶק ב, סִימָן יב).

**שְׁטַארְק זִיךְ צוּ דַאוְוענֶען דִי דְרַיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן מִיט אַ סִידוּר, בְּרֶענְג נִישְׁט אִין שׁוּל דַיין טֶעלֶעפָאן, נֶעם דִי פָּאר מִינוּט צוּ זַיין פְּרִיוַואט, דוּ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֵיין זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

...

## אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ח' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

**עֶס קוּמְט דִי וָואךְ שַׁבָּת זָכוֹר, מִיר גֵייעֶן אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק, דֶער עִיקָר דַארְפְן מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אוּנְזֶער הַארְץ - עֲמָלֵק; דִי סְפֵיקוֹת אוּן קְרִירוּת וָואס עֲמָלֵק בְּרֶענְגְט אַרַיין, דִי סְפֵיקוֹת אוּן בִּלְבּוּלִים וְכוּ'. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, נָאכְן אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, נָאךְ שַׁבָּת זָכוֹר קוּמְט פּוּרִים, וַוייל פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען נָאר זַיין וֶוען דִי אֱמוּנָה אִיז גַאנְץ, דִי אֱמוּנָה אִיז קְלָאר אוּן לוֹיטֶער.**

**דִי עֵצָה פַאר אֱמוּנָה אִיז בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ שֶׁעם זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק פוּן דִיר אַז אִיךְ הָאבּ בִּלְבּוּלִים אוּן סְפֵיקוֹת, הֶעלְף מִיר, גֶעבּ מִיר אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר, אִיךְ זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט דָא, דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְּן מִיר, אִיךְ זָאל גְלֵייבְּן אַז דוּ הֶערְסְט מִיךְ אוֹיס וֶוען אִיךְ רֶעד צוּ דִיר" וְכוּ'.**

**מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, עֶס אִיז אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס מֵיינְט אַז עֶר הָאט אֵיינֶעם וָואס קֶען אִים הֶעלְפְן, אַ רַחְמָנוּת, אַ רַחְמָנוּת; אַ מֶענְטְשׁ**

הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט בָּזֶה הָעוֹלָם, נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס וֶוערְט נִתְגַּלֶּה פּוּרִים, דָאס הָאט אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה גֶעטוּן מִיט דִי אִידְן, זִי הָאט אַיינְגֶעלַאדְנְט הָמָן מִיט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ פַאר אַ סְעוּדָה, אַז דִי אִידְן זָאלְן זִיךְ נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אוּן זָאגְן: "אָחוֹת יֵשׁ לָנוּ בְּבֵית הַמֶּלֶךְ", מִיר הָאבְּן אַ קַאנְדִידַאט אִין פַּאלַאץ וָואס וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן (מְגִילָּה טו:); וַוייל וֵויי אוּן בִּיטֶער אִיז אַז מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אַ בָּשָׂר וָדָם, מִיר הָאבְּן נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען בֶּעט, אַז מֶען שְׁרֵייט צוּ אִים - הֶעלְפְט עֶר, וְהָבֵן לְמַעֲשֶׂה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֲמָלֵק וויל מִיךְ אַוֶועקְנֶעמֶען פוּן צַדִיק

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט' אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ אִיז שַׁבָּת זָכוֹר, מִיר גֵייעֶן אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק, אַלֶע קוּמֶען אִין שׁוּל הֶערְן דִי קְרִיאָה פוּן שַׁבָּת זָכוֹר, עֶס אִיז אַ מִצְוַת עֲשֵׂה דְאוֹרַיְיתָא אוֹיסְצוּמֶעקְן עֲמָלֵק. דִי עִיקַר קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק אִיז אַרַיינְבְּרֶענְגֶען סְפֵיקוֹת אִינֶעם מֶענְטְשׁ, "הֲיֵשׁ ה' בְּקִרְבֵּנוּ אִם אָיִן" (שְׁמוֹת יז, ז), אוּן גְלַייךְ נָאכְדֶעם שְׁטֵייט: "וַיָּבֹא עֲמָלֵק" (שָׁם, ח); הָמָן-עֲמָלֵק מַאכְן אַלֶע צָרוֹת, זֵיי מַאכְן מְשׁוּגָע דֶעם מֶענְטְשׁ אַז דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג אִיז שׁוֹין פַארְפַאלְן, הַיינְט וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין, הַיינְט וֶועסְטוּ שׁוֹין נִישְׁט אוֹיפְטוּן, אוּן אַזוֹי מַאכְט עֶר יֶעדְן טָאג מְשׁוּגָע, אוּן דֶערְפַאר שְׁטֵייט (שָׁם, ט): "צֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק מָחָר", הַאלְט מִלְחָמָה מִיט דִי קְלִיפָּה פוּן עֲמָלֵק, וָואס זָאגְט 'מָחָר', מָארְגְן.

הֵייבּ הַיינְט אָן דַאוֶונֶען אוּן לֶערְנֶען, שְׁטוּפּ עֶס נִישְׁט אָפּ אוֹיף מָארְגְן, הַיינְט גֵיי אִין שׁוּל, הַיינְט גֵיי אִין מִקְוֶה, הַיינְט נֶעם אַ חוּמָשׁ אוּן זַיי מַעֲבִיר סֶדְרָה, נִישְׁט מָארְגְן, וָואס וֵוייסְטוּ וָואס מָארְגְן גֵייט זַיין?!

שַׁבָּת זָאלְסְטוּ גֵיין אִין שׁוּל, אוּן אַז דַיין וַוייבּ קֶען גֵיין הֶערְן קְרִיאַת זָכוֹר זָאל זִי גֵיין, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֶעלְף מִיךְ, עֲמָלֵק וויל מִיךְ אַוֶועק

**נֶעמֶען פוּנֶעם צַדִיק, פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, 'אֲשֶׁר קָרְךָ' (דְבָרִים כה, יח), עֲמָלֵק קִילְט מִיךְ אָפּ מִיט לֵיצָנוּת, 'וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ' (שָׁם), עֶר נֶעמְט נַארִישְׁקֵייטְן 'וְזוֹרְקָן כְּלַפֵּי מַעֲלָה' (רַשִׁ"י, שָׁם), אוּן מַאכְט מִיךְ טְרַאכְטְן פוּן זֵיי, אַבִּי נִישְׁט פוּנֶעם צַדִיק וָואס קֶען מִיךְ הֶעלְפְן...״**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק דֶעם שַׁבָּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ט' אֲדָר, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף מַאךְ אִיךְ בַּר מִצְוָה מַיין זוּן הַבָּחוּר יִצְחָק דָוִד נֵרוֹ יָאִיר דֶעם מוֹצָאֵי שַׁבָּת, עֶר וֶוערְט בַּר מִצְוָה דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, דִי סְעוּדָה וֶועט זַיין מוֹצָאֵי שַׁבָּת אִינְאֵיינֶעם מִיט אַ מְלַוֶּה מַלְכָּה אִין יְשִׁיבָה. אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זַיין אִין שְׁטָאט אוּן עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט זַיין קֵיין טִירְחָא צוּ קוּמֶען צוּ דִי בַּר מִצְוָה - וֶועל אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן, (דִי סְעוּדַת בַּר מִצְוָה אִיז נִישְׁט פַאר פְרוֹיעֶן).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען אוֹיסְמֶעקְן עֲמָלֵק דֶעם שַׁבָּת, דוּרְךְ אַרַיינְנֶעמֶען אִין דִיר דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, צוּ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט, אַלֶעס אַלֶעס אִיז נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז מִיט אַ פִּינְקְטְלִיכֶע חֶשְׁבּוֹן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן דוּ זָאלְסְט זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

פְּאֵר קִינְדֶלֶע

## נָאכְנִישְׁט גֶעטַאנְצְן הַיינְט

"קוּק עֶר טַאנְצְט מִיט אַ נַאכְט הֶעמְד אוּן אַ שְׁלָאף קַאפְּל... עֶס אִיז אַזוֹי פָּאנִי... וֶוער אִיז דָאס?"

קִינְדֶער לַאכְט נִישְׁט, עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין שֵׁיינֶע מִדָּה צוּ לַאכְן פוּן אַ צְוֵוייטְן אִיד, קִינְדֶער אִיךְ וֶועל עֶנְק דֶערְצֵיילְן וֶוער דֶער אִיד אִיז, דֶער אִיד אִיז אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, לָאמִיר זֶען פַארְוָואס עֶר טַאנְצְט מִיט זַיינֶע נַאכְט קְלֵיידֶער...

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, מֶען הָאט אִים גֶערוּפְן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג בַּאדִינְט רֶבִּי נָתָן זֵייעֶר גֶעטְרַיי מִיט זַיין גַאנְצֶע כֹּחַ אוּן הַארְץ.

עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיב עֶר וִויל זַיין אַ צַדִיק דַארְף עֶר יֶעדְן טָאג גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן זַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער פְרַיינְד, אַלֶעס זָאל עֶר דֶערְצֵיילְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיךְ הָאט רֶבִּי נָתָן אִים




טַאטֶע אִיךְ לוֹיבּ דִיךְ, טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיךְ...

גֶעזָאגְט, אַז אוֹיבּ מֶען וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מוּז מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג צוּ טַאנְצְן, וַוייל דִי שְׁלִיסְל אַרַיין צוּ גֵיין צוּ דִי קְדוּשָּׁה אִיז שִׂמְחָה; וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ וֶוערְט מֶען זֵייעֶר נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְפַאר קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרָע אוּן מַאכְט אַלְץ דֶעם מֶענְטְשׁ זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג אוֹיף גָארְנִישְׁט אוּן נִישְׁט, "אִיךְ זָאג דִיר נַחְמָן, יֶעדְן טָאג זָאלְסְטוּ גֵיין אַ טֶענְצְל".

רֶבִּי נַחְמָן הָאט גֶעפָאלְגְט, עֶר הָאט אַלֶע טָאג גֶעטַאנְצְן; אַמָאל אִין שׁוּל, אַמָאל בַּיי אַ שִׂמְחָה, אוּן אַמָאל אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיךְ אַמָאל אַלֵיין, אוּן וֶוען עֶר פְלֶעגְט זִיךְ דֶערְמַאנֶען בַּיינַאכְט וֶוען יֶעדֶער אִיז שׁוֹין גֶעשְׁלָאפְן - פְלֶעגְט עֶר אַלֵיין טַאנְצְן, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז עֶר מוּז דָאס טוּן.

אֵיינְמָאל הָאט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער שׁוֹין אָנְגֶעגְרֵייט נֶעגְל וַואסֶער אוּן גֶעלֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע אוּן זִיךְ אָנְגֶעטוּן דִי נַאכְט קְלֵיידֶער, עֶר לִיגְט אִין בֶּעט אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִינְמִיטְן גֶעבְּט עֶר זִיךְ אַ כַאפּ: 'אֵיין מִינוּט... אֵיין מִינוּט... אִיךְ הָאבּ דָאךְ הַיינְט נָאכְנִישְׁט גֶעטַאנְצְן, וָואס טוּט מֶען דָא? מַיין רֶבִּי, רֶבִּי נָתָן - הָאט מִיר דָאךְ גֶעגֶעבְן אַ וֶועג צוּ טַאנְצְן יֶעדְן טָאג...' עֶר גֶעבְּט אַ שְׁפְּרִינְג אַרוֹיס פוּן בֶּעט אוּן הֵייבְּט אָן טַאנְצְן מִיט זַיין נַאכְט הֶעמְד אוּן שְׁלָאף קַאפְּל, עֶר טַאנְצְט: "טַאטֶע אִיךְ לוֹיבּ דִיךְ, טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיךְ - וַוייל אִיךְ בִּין אַ אִיד".

אַלֶע קִינְדֶער הֵייבְּן אָן טַאנְצְן: "טַאטֶע אִיךְ לוֹיבּ דִיךְ, טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיךְ - וַוייל אִיךְ בִּין אַ אִיד, טַאטֶע אִיךְ לוֹיבּ דִיךְ, טַאטֶע אִיךְ דַאנְק דִיךְ - וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ, אַשְׁרֵינוּ - מַה טּוֹב חֶלְקֵינוּ, וּמַה נָּעִים - גּוֹרָלֵנוּ, וּמַה יָּפָה יְרוּשָּׁתֵנוּ..."